ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# תולדות
# חידושי הרי"ם

אידיש

**639**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# די בעשרייבונג פון דעם גרויסען הייליגען גאון הקדוש ר' יצחק מאיר זצ"ל דער רבי פון גור.

## (דער חדושי הרי"ם זצ"ל)

ווען דער חדושי הרי"ם איז געבוירען געוואָרען, האָט איהם דער קאָזניצער מגיד ז"ל געהייסען אַ נאָמען געבען איטשע מאיר, געוואוינט האָבען זיינע עלטערען אין מאַגנעשעוו ביי ריטשיוואָל און אויפגעצויגען זענען זיי געוואָרען ביים קאָזניצער מגיד ז"ל.

איינמאָל איז דאָס קינד — דער חדושי הרי"ם — זעהר קראַנק געווען און קיינער פון שטעטיל האָט נישט געוויסט וואָס די קראַנקהייט איז, האָט די מוטער גענומען דאָס קינד אינם פאַרטוך אַריין, און איז דערמיט געלאָפען קיין קאָזניץ צום מגיד ז"ל, אָבער אויף דעם וועג איז דעם קינד פיעל ערגער געוואָרען, אַז עס האָט שוין געהאַלטען זעהר שלעכט, האָט זיך די מוטער געזעצט אויף אַ שטיין און אויפהויבענדיג די הענד צום הימעל, זיך ביטער צו וויינט ברעכענדיג זיך די הענד פאַר צרות, פלוצלינג קומט צו איהר צו עפּיס אַ פרעמדער דייטש און וויל נישט פון איהר אָפּטרעטען ביז זי זאָל איהם זאָגען די סיבה פון איהר וויינען, האָט זי איהם געוויזען דאָס קינד, האָט דער דייטש אַרויס גענומען פון טאַש אַ פלעשעלע מיט עפּיס אַ פליסיגקייט און האָט געגעבען דעם קינד דערפון צו טרינקען און ווי נאָר דאָס קינד האָט דעם ערשטען טרינק געטוהן איז איהם תיכף בעסער געוואָרען און דער דייטש איז פלוצלינג פערשווינדען געוואָרען, די פרייד פון די מוטער איז גאָר נישט צו בעשרייבען און זי נעמט דאָס קינד און

גייט ווייטער ביז זי האָט זיך דערשלאָגען צום קאָזניצער מגיד, ווי נאָר דער מגיד דערזעהט זי, פרעגט ער צי זי האָט נישט עמיצען געטראָפען אויף דעם וועג און זאָגט איהר, אַז דער דייטש איז געווען אליהו הנביא.

דאָמאָלסט האָט דער מגיד דעם קינד מוסיף געווען דעם נאָמען אַלטער.

אין די יונגע יאָהרען האָט ר׳ איטשע מאיר אַלטער זיך איפגעהאַלטען ביים קאָזניצער מגיד און נאָך אַלס יונגעל האָט ער שוין אַרויס געוויזען גרויסע התמדה אין לערנען, אויך אין חריפות האָט ער אַלע זיינע חברים איבערגעשטיגען, אַזוי איז זיין גוטער נאָמען געוואָרען בעוויסט און גע׳שם׳ט פאַר אַ עילוי, דאַן האָט איהם דער בעוויסטער וואַרשאווער נדיב און גביר ר׳ משה חלפן, גענומען פאַר אַ איידעם און דאָרט אין וואַרשא האָט ר׳ איטשע מאיר אַלטער געגרינדעט אַ גרויסע ישיבה.

צוליב זיין גרויס חריפות האָט מען אָנגעהויבען אויף איהם צו קוקען ווי אויף אַ גרויסען גאון, ער איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער צדיק אַ איש אלקים און מיט דער צייט איז ער אויך געוואָרען רב אין גור ווי אויך געפיהרט רבי׳סטווע, דען פיעל גרויסע חסידים וואָס זענען פריער געפאָרען נאָך קאָצק, א.א. זענען נאָך דעם קאָצקערס פטירה געקומען נאָך גור און דעם גערער רבי׳נס אַ וואָרט איז ביי זיי געווען הייליג ווי פון אַ מלאך אלקים.

מען דערצעהלט אַ עפּיזאָד, וואָס איז אַמאָל אויס געקומען צווישען דעם צדיק מיט׳ן בעוויסטען כלל-טוער ר׳ משה מאָנטעפיאָרע.

ווען דער גאון האָט נאָך געוואוינט אין וואַרשא, איז אַ דורך געפאָהרען וואַרשא דער בעוויסטער כלל-טוער ר׳ משה מאָנטעפיאָרע און הערענדיג פון דעם גרויסען מאַן, האָט ער זיך מיט איהם בעקענט, אַזוי ריידענדיג פרעגט איהם ר׳ משה מאָנטעפיאָרע פאַר וואָס די יודען אין פוילין קאָנען אַזוי וויניג די לאַנד-שפּראַך און האָט דערביי דערמאָנט, אַז אין המן׳ס צייטען ווען מרדכי וואָלט נישט פערשטאַנען פערסיש וואָלט ער דאָך נישט געהאַט די מעגליכקייט אחשורוש׳ן מודיע צו זיין וואָס די צוויי בעדינטע בגתן ותרש האָבען זיך אָפּגעשמועסט איהם אוועק צו ברענגען פון דער וועלט וואָס דורך דעם איז אַרויס געקומען אַ ישועה צו אַלע יודען. האָט איהם דער גאון אויפגעקלערט, אַז דאָס גאַנצע גליק איז דאָמאָלסט געווען וואָס די פערסער האָבען געוויסט, אַז די יודען פערשטייען נישט זייער שפּראַך

דעריבער האָבען זיך בגתן ותרש נישט געהיטען פאַר מרדכי'ן אָבער ווען זיי — די פערסער — וואָלטען געוויסט, אַז די יודען קאָנען יאָ די לאַנדשפּראַך וואָלטען זיי זיך דאָך געהיטען פאַר מרדכי'ן, וואָלט מרדכי גאָר נישט געקענט אויפטוהן פאַר די יודען.

# א ווינדערליכע מעשה פון דעם גרויסען הייליגען גאון הקדוש ר' יצחק מאיר זי"ע.
# דער רבי פון גור.

## (דער חדושי הרי"ם זצ"ל)

צום חדושי הרי"ם איז אַ מאָהל געפאָהרען צו גאַסט זיינער אַ גוטער פריינד א מקורב און אַ גרויסער צדיק. דער זעלבער האָט מיט זיך געהאַט מיט געפירט אַ גרויסע סאָמע געלד, ווי ער איז אָנגעקומען צו פאָהרען קיין גור און וויל בעצאָהלען דעם בעל-עגלה זעהט ער אַז עס פעהלט איהם דער בייטעל מיט דעם גאַנצען געלד, און ער האָט נישט אפילו דעם בעל עגלה צו בעצאָלען, ער האָט נישט געוואוסט ווער מען זאָל חושד זיין ווייל אויף די זעלבע פיהר איז קיינער נישט מעהר געפאָהרען נאָר ער אַליין און דעם בעל-עגלה האָט ער אויך געקאָנט פאַר איין ערליכען מענש, האָט ער זיך מישב געווען ער וועט אַריין גיין צום רבי'ן דערציילען זיין גרויס צער. כך הוי, אַזוי האָט ער געטאָהן און איז גלייך אַריין געגאַנגען צום חדושי הרי"ם ז"ל און ביים נעמען שלום האָט ער זעהר געביטערט פאַר'ן רבי'ן אויף דעם גרויסען שאָדען, ובפרט ס'איז נישט זיין אייגענס נאָהר פרעמדעס, האָט איהם דער רבי געטרייסט און הייסט איהם גאָר נישט זאָרגען און זאָגט איהם צו אַז ס'וועט איהם די גאַנצע גניבה צוריק געברענגט ווערען אפילו אויך דער לעדערנער בייטעל וואָס דאָס געלד ליגט דערין וועט איהם אַלעס צוריק געגעבען ווערען, נאָך דעם איז דער אורח אַוועק געגאַנגען אויף איין אכסניא זיך אָפּרוהען פון וועג און וואַרטען מיט בטחון אַז

ס׳זאָל מקוים ווערען דעם רבינ׳ס צו זאג, אַזוי איז פערבײ עטליכע טעג. פּלוצלינג קומט אַרײַן צו לויפען דער זעלבער בעל-עגלה וואס איז גע-קומען צו פאָרען מיטן אורח און ברענגט איהם אריין דעם בײטעל מיט׳ן גאַנצען געלד און וואַרפט דאס פּאַר איהם אַנידער אויפ׳ן טיש מיט גרויס שרעק און וויל תיכף אַנטלויפען, אבער דער אורח האַלט אהן זעהר שטאַרק, אַז ער זאָל איהם דערציילען דעם גאנצען אמת וואס דא איז געווען, און פרעגט איהם: ערשטענס ווי קומט צו דיר זאלסט ווערען אַ גנב, ווי איך קאָן דיך פון דערהיים האסטו קיינמאָל נישט אַזעלכעס געטוען און צווייטענס אז האסט שוין יאָה געטוען די גניבה און נאך דערצו אַזאַ גרויסע סומע געלד, וואס האט דיך געברענגט דערצו אַז זאלסט צוריק ברענגען? און וואס איז דיין ציטערניש, דיין שרעק אזוי גרויס? דאָ האט דער בעל-עגלה אנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און דערציילט אַזוי: ווען איהר זענט געפאָרען מיט מיר אין מיטען וועג זענט איהר אַביסעל אראָפּ געגאַנגען פון וואָגען אין דער דאזיגער צייט ווען איהר האט זיך עטוואָס איינגעבויגען איז פון אייער ביזעם-טאַש ארויס געפאַלען דער בײַטעל מיט׳ן געלד און איך האב דאס גראד געזעהען האט מיך דער יצר-הרע אפגערעט, אז כ׳זאָל דעם באַטעל מיטן געלד צו נעמען. איך האב אזוי געטוען און ווען איהר זענט אָן געקומען נאך גור און זענט אריין געגאַנגען צום רבי׳ן בין איך שנעל צוריק אהיים געפאָרען מיט דעם געלד, אבער ווי כ׳האב זיך נאהר געלייגט שלאָפען איז צו מיר געקומען אין מיט׳ן שלאף עפּעס אן אלטער זעהר פאַרכטיגער מאַן און אויף מיר געשריגען מיט א גרויס געשריי, אז כ׳זאָל תיכף ומיד די גניבה צוריק געבען, אויב נישט דערהארגעט ער מיך אויפ׳ס טויט.

אבער איך האב זיך גאר נישט געמאַכט דערפון, ווי איך בין ווידער איינגעשלאָפען פון מיעדקייט איז ווידער דער זעלבער אלטער מאן גע-קומען צו מיר מיט זעהר א גרויסען שווערען-שטעקען אין האנד און אויפהייבענדיג דעם שטעקען האט ער מיט זעהר א גרויס קול געשריגען צו מיר אז כ׳זאָל שוין אבטראגען דאס געלד, ווי איך האב איהם ווייטער נישט געענטפערט האט ער מיך זעהר געשלאגען מיט דעם שטעקען אז ער האט מיך שיעור דערשלאגען אויף טויט. איך האב זיך געבעטען ביי איהם ער זאָל מיך אויפהערען שלאגען און כ׳האב איהם צו געזאגט אז ווען מען וועט קומען נאכ׳ן געלד וועל איך עם תיכף צוריק געבען,

אבער דער אלטער איז נישט באשטאנען דערויף, נאר האט פון מיר געפאָ-דערט, אַז זאפארט זאל איך איינשפאנען די פערד און וואגען און מיט נעמען דעם בייטעל מיטן געלד און שוין אריינפארען נאך גור אויפזוכען דעם אורח אז כ׳זאל איהם תיכף די גניבה אפגעבען. איך האב זיך געבעטען ביי דעם אלטען מאן ער זאל מיך יעצט אפלאזען, ווייל ס׳איז יעצט אזוי א שווערער וועג, ס׳איז א גרויסער שניי. אבער עס האט מיר גאר נישט געהאלפען מיין בעטען. קורץ—כ׳האב זיך אויפ-געכאפט פון שלאף מיט גרויס שרעק, אז אלע מיינע גלידער האבען געציטערט פון שרעק, כ׳בין תיכף געלאפען אין שטאל אריין האב איינ-געשפאנט מיין פערד און וואגען ביז כ׳בין דא אהער געקומען און האב אייך צוריק געברענגט דאס גאנצע געלד, ס׳פעלט נישט קיין איין פרוטה דערפון.

דער אורח האט דעם בעל-עגלה געדאנקט און זאגט צו איהם: פאלגט מיין עצה, אזוי ווי דו ביסט שוין דא צום צווייטען מאהל און פאר וואס זאלסטו נישט אריינגיין אביסעל צום היגען רבין? דו זעהסט דאך וויפיל מענטשען פארען עקסטרע אהער צום רבי׳ן אַ דו, אז ביזט שוין דא גיי אויך אריין צום רבי׳ן וועסטו קריגען א ברכה, דער אורח האט איהם אזוי לאנג צוגערעט ביז ער איז בעשטאנען צו גיין צום רבין צוזאמען מיט׳ן אורח. ווי זיי עפענען די טיער פון רבין און דער בעל-עגלה דערזעהט דעם רבינ׳ס פנים ווערט ער דערשראקען, הויבט אהן זעהר ציטערען, דען ער האט דערקענט אין רבינ׳ס פני׳ם דאס געשטאלט פון דעם זעלבען אלטען מאן וואס איז געווען ביי אים ביי נאכט אין חלום. דאמאלס האט דער רבי איהם דער-לאנגט די הייליגע האנד צום שלום געבען. פרעגט דער בעל עגלה מיט א ציטערניש: רבי, פארוואס האט איהר מיך אזוי שטארק געשלאגען? האט איהם דער רבי אנגעשריגען און געענטפערט: וואס מיינסטו אז די וועלט איז הפקר? און האט איהם אפגעזעגענט און איהם אנגעזאגט נישט מעהר צו רירען יענעמס און איהם בערוהיגט אז אויב ער וועט זיך פיהרען אין גיטען וועג וועט ער האבען הצלחה און אזוי איז געווען ווייל דער בעל-עגלה איז דאך קיינמאל נישט געווען א גנב נאר דאס מאל האט איהם דער יצר הרע אנגערעט דערצו. פון דאמאלס אהן האט ער תשובה געטוען און גענומען אויף זיך מעהר נישט צו רירען יענעמס און האט געהאט הצלחה זיין גאנץ לעבען.

# נאך א וואונדערליכע געשיכטע פון הרב הצדיק הקדוש מגור זי״ע

(וואס א חסיד המפורסים ר׳ ליפמאן ז״ל פון ראדאמסק האט דערציילט)

דער זעלבער חסיד ר׳ ליפמאן ז״ל האָט געהאַט אַ גוטען פריינד, אַ יונגען מאַן אויך אַ חסיד, וועלכעס זייביידע פלעגען פאָרען צוזאַמען קיין גור, דער זעלבער יונגערמאַן איז געוועןאַ עושר אויך זיין גאַנצע משפחה זענען געוועןזעהר רייך און האבען געוואוינט אין אויסלאַנד. מיט דער צייט איז דער יונגער חסיד געוואָרען ל״ע אַ יורד ביז ער איז געוואָרען אַ גרויסער אָרימאַן, אַז ס׳איז שוין באַלד נישט געווען וואָס צו עסען אין שטוב. איז ער געפאָרען קיין גור און האָט זיך שטאַרק בעקלאָגט פאַר׳ן רבי׳ן אויף זיין ביטער גורל און פרעגט דעם רבי׳ן אַ עצה, צי ער זאָל אפשר שרייבען צו דער רייכער משפחה וואָס וואוינען אין אויסלאַנד נאָך שטיצע וויל ער איז ביי זיך זיכער דאָס ווען זיי וועלען געוואָהר ווערען פון זיין ביטערע לאַגע וועלען זיי איהם אַרויס העלפען דען זיי זענען זעהר גוטע מענטשען אַזוי אַרום וועט ער זיך קאָנען צוריק דערהאַלטען און האָבען פרנסה. ווי דער רבי הערט זיינע רייד זאָגט דער רבי צו איהם: „איך בין נישט מסכים דער צו" און הייסט איהם נישט שרייבען צו דער משפחה. ער האָט זיך געזעגענט און איז צוריק אַהיים געפאָרען מיט בטחון אַז מן הסתם אַז דער רבי הייסט נישט שרייבען וועט אַן דעם אויך בעסער ווערען. עס גייט אָבער פערביי אַ צייט און די לאַגע ווערט גאָר נישט בעסער נאָר נאָך וואָס אַמאָל ערגער. פאָהרט ער ווידער צום רבין און וויינט פאַר איהם און דערציילט נאָך אמאהל דעם רבין פון די רייכע משפחה און וויל אַז דער רבי זאָל מסכים זיין ער זאָל צו זיי שרייבען, אָבער אויך יעצט הייסט איהם דער רבי ער זאָל נישט שרייבען צו זיי, אַזוי איז געווען עטליכע מאָהל.

איינמאָהל נאָך דעם ווי דער רבי האָט ווידער נישט מסכים געווען צו זיין עצה, רופט ער זיך אָן צום רבין: איך זעה פאָרט נישט קיין אַנדערע עצה, און כ׳וועל זיין געצוואונגען יאָ שרייבען צו דער משפחה וויל מיט דעם דרך הטבע זעה איך דאָך נישט פאַר מיר קיין הילף, דאַמאָלס האָט איהם דער רבי נישט מעהר שוין גיענטפערט נאָר די ווערטער: וואָס

זאָל איך דיר טוען, און דער חסיד האָט זיך געזעגענט און איז אַהיים געפאָרען. תיכף האָט ער געשריבען אַ בריף צו דער משפחה קיין אויסלאַנד און האָט זיי געשולדערט זיין ביטערע לאַגע נעבעך, און אין אַ קורצע צייט האָט ער טאַקע בעקומען פון זיי א ־ויסע סאַמע געלד און האָט זיך די לאַגע פערבעסערט.

עס איז פערביי געגאנגען אַ קורצע צייט. פלוצלונג ווערט דער דאזיגער יונגער מאן קראנק. טראכט ער ביי זיך: אפשר איז מיר דאס געקומען ווייל כ׳האב נישט געפאלגט דעם רבי׳ן וואס האט מיך נישט גע־הייסען שרייבען צו די רייכע משפחה! דעריבער וואלט גלייך געוועזן צו פאהרען קיין גור און זיך פערענטפערען פאר׳ן רבי׳ן און בעטען א רפואה, אבער מחמת גרויס שוואכקייט קאן ער אליין נישט פאהרען דעריבער האט ער געבעטען זיין גוטען פריינד דער ר׳ ליפמאן ז״ל, אז ער זאל פאר איהם פאהרען צום רבי׳ן, כך הוה, דער ר׳ ליפמאן ז״ל איז געקומען צום רבי׳ן און האט מזכיר געווען דעם חולה און געבעטען דער רבי זאָל איהם אַ טובה טוען, אבער דער רבי האט איהם תיכף גאָר נישט געענטפערט, ווי ס׳גייט פערביי עטליכע מינוט, רופט זיך אָן דער רבי צו ר׳ ליפמאן: זיי וויסען ליפמאַן אַז אַטייל מאָהל אויב מען איז אין הימעל גוזר אויף ועמען, אַז ער זאָל רח״ל שטאַרבען איז דאָ איין עצה אין הימעל אַז די גזירה זאָל פון דעם דאָזיגען ווערען אָפּגעטוען איז דורך יסורים, אָבער אז ער האָט אַליין אוועקגעשטיפּט פון זיך די יסורים דען ווען ער וואָלט בעליטען די יסורי עוני דאָס ארימקייט און עני חשוב כמת — אַ אָרימאַן ווערט געגליכענט צו אַ טויטען, וואלט ער נאך געקאנט לעבען, אבער יעצט אַז דאס אָרימקייט איז פון איהם אפּגעטוען געוואָרען איז אויך זיין חיות אָפּגעטון געוואָרען און דער רבי האט ר׳ ליפמאן אפגעזעגענט און איז גלייך אהיים געפארען צום חולה, אבער דער חולה איז שוין געוועזן טויט.

פון די מעשה איז זיך אַרויסצונעמען אַ מוסר. ערשטענס אויב עס גייט ועמען נישט אזוי גוט זאל ער נישט מתרעם זיין און האבען פּרע־טענציעס צום רבש״ע ווייל די יסורים זענען גאר א טובה, צווייטענס מען דארף האבען אמונת חכמים אין פאלגען זייערע רייד, אפילו מיר זעהן און מיינען אויף זיכער, אַז אויב מען וועט אזוי און אַזוי טוען וועט בעסער זיין צי דאך זאל מען נאהר טוען ווי דער צדיק הייסט ווייל זיין הייליג אויג זעהט בעסער ווי אונזערע און השי״ת זאל אונז אַלע העלפען ובבל״ג אמן.

# נאך א געשיכטע פון הרב הצדיק הקדוש מגור זצ״ל

ווי בעוואוסט איז צווישען הרב הקדוש מגור זצ״ל און צווישען ר׳ ישעי׳לע פראגער זצ״ל געווען זעהר א פריינדליכע און פיהל מאהל האבען זיי איינער מיטן אנדערען זיך משתעשע געווען אין דברי תורה.

איין מאהל ווען דער רבי זי״ע האט געוויילט אין ווארשא האט ער בעזאגט צו זייגע מקורבים, אז ער וויל זיך זעהען מיט הרב הקדוש ר׳ ישעי׳לע פראגער וועגען א נייטיג ענין.

באלד איז הרה״צ מגור געפארען קיין פראגע ווי הר׳ ישעי׳לע פראגער האט איהם דערזעהן האט ער זיך זייער געפרייט מיט איהם. און דערביי זענען געווען נאך מקורבים. אין מיטען ריידען האט דער גערער רבי געזאגט צו זיין פריינד ר׳ ישעי׳לע פראגער אז ער וויל מיט איהם ריידען א דבר סתר ס׳זאל קיינער נישט הערען, דעריבער זענען אלע ארויסגעגאנגען און ס׳איז נאר איבערגעבליבען אין חדר די ביידע צדיקים. אזוי האבען זיי ביידע פערברענגט א צייט. דערנאך איז דער גערער רבי אוועקגעפארען פון דארט צו זיך אהיים און ר׳ ישעי׳לע האט איהם בעלייט ביז אין גאס. ווי ער איז צוריק געקומען אין חדר האבען די אלע מענטשען וואס זענען דארט געווען דערקענט אין זיין פנים אז ס׳איז זעהר פארענדערט און איז זייער טרויריג. האבען זיי איהם גיפרעגט און געבעטען ער זאל זיי זאגען די סיבה דערפון. אבער ר׳ ישעי׳לע ז״ל האט זיי נישט געוואלט מגלה זיין דעם שמועס און די סיבה פון זיין טרויריג פנים. און ווען זיי האבען איהם שטארק אנגעהאלטען ער זאל זיי יא זאגען האט ר׳ ישעי׳לע זיי גיענטפערט, אז ער טאר נישט אויסזאגען ווייל דער גערער רבי ז״ל האט איהם אנגעזאגט נישט קיין שום מענטש מגלה צו זיין. אזוי איז פערביי געגאנגען א צייט ביז דער הרה״צ מגור זצ״ל איז נפטר געווארען.

ווי דער ר׳ ישעי׳לע האט געהערט די שלעכטע בשורה האט ער זעהר שטארק געטרויערט און געוויינט און דאמאלט האט ער פאר זיינע מענטשען דערציילט דעם דעמאלסדיגען שמועס, וואס ער האט געהאט מיטן גערער רבי צ״ל. און האט אזוי דערציילט:

דער הייליגער רבי ז״ל איז דאמאלס געקומען צו מיר זיך געזעגענען

אויף אייביג, ווייל ער ווייסט אויף זיכער אז אין א קורצע צייט וועט ער נסתלק ווערען פון דער וועלט. האב איך איהם געפרעגט: פון וואַנען ווייסט ער דאס אזוי זיכער? האט ער מיר געענטפערט: אז היינט איז ביי איהם געווען אליהו הנביא און האט איהם געזאגט געגוי דעם טאג און אין וועלכע שעה זיין הסתלקות וועט זיין. דעריבער געזעגענט ער זיך מיט מיר אויף אייביג.

# דער סדר פון די פטירה

ווי דער רבי איז צוריק געקומען פון ווארשע קיין גור איז ער זעהר שוואך געווארען, ווייל ער האט געליטען גרויסע יסורים אויף א פיס רח"ל.

אבער דאך ביי די אלע יסורים האט ער נישט ארויסגעוויזען קיין עצבות, נאר האט געפירט ווייטער זיינע שיעורים, געלערענט מיט די תלמידים און בני בית. און אפילו ווען ס'איז איהם שוין זייער שלעכט געווארען און האט שוין געמוזט ליגען אין בעט און דאס שוואַכקייט איז וואס אמאל גרעסער געווארען אפילו דאמאלט האט ער אויך ליגעדיגער-הייט געלערענט אויך אפגעזעגענט דעם עולם.

און אפילו אין דעם לעצטען פרייטאג צו נאכט האט ער זיך נאך גיהייסען אריינרופען די אלע אורחים און חסידים, וועלכע האבען נאך נישט שלום גענומען אז זיי זאלען פאר איהם פארביי גיין און האט יעדען איינציגען געגעבען שלום.

דעם דאזיגען שבת גאנץ פריה האט דער רבי ז"ל גיהייסען עהם מיטן בעט אריינשטעלען נעבען די טיהר וואס גייט נאהנט צו צום בית המדרש, כדי צו דאווענען בציבור און הערען לייענען. אזוי האט מען טאקי געטוען, און חאטש עס איז דאמאלט שוין געווען די לעצטע שעות צו דאך האט ער נאך געדאווענט מיט זעהר גרויס דבקות. נאכ'ן דאווענען האט ער קידוש געמאכט איבער א כוס וויין און טועם געווען פון די סעודת שבת. כאטש ער האט געזעהן אז יעדעס ביסען קומט איהם אַהן זעהר שווער אראפ צו שלינגען, נאהר מחמת סעודת שבת קודש האט ער זיך מיט א כוח געגייט עפעס אראפצובריגגען.

נאך דער סעודה האט ער געלערנט מיט א אייניקל גמרא און תוס׳ דער נאך האט ער צוגערופען אלע אייניקלעך און האט זיי אלע געבענטש. דערנאך האט ער געהייסען דאווענען מנחה בעצייטענס, ווי די חסידים האבען געזעהן אז ס׳איז שלעכט און די גרעסטע פראפעסארען האבען איהם אפגעזאגט אלע האפנונגען איז געווארען א גרויסע יללה אין בית המדרש צווישען די חסידים אלע האבען גיזאגט תהלים מיט גרויס געוויין.

נאך מנחה זענען עטליכע מקורבים צוגעגאנגען צום בעט מיט א גרויס געוויין. האט זיי דער רבי געזאגט: איך בעט ענק איהר זאלט מיך יעצט אפלאזען, איך זאל האבען יעצט רוה, ווייל עטץ זעהט דאך אז ס׳איז נישט דא פיהל צייט...

נאך דעם האט ער געהייסען ברענגען שלש סעודות, אבער ער האט שוין דאס כזית חלה נישט געקאנט אראפברענגען און האט גיהייסען בענטשען. נאכ׳ן בענטשען האט ער זיך אנגעוואשען דאס פנים מיט די הענט און האט געזאגט: יעצט דארף מען זיך שוין מכין זיין... אזוי האט מען געזעהן ווי זיינע לעפצען שאקלען זיך האט מען זיך צוגעבויגען און געהערט ווי ער זאגט יושב בסתר ביז נאך די ווערטער „אחלצהו ואכבדהו״ איז ער שטיל געווארען און זיין הייליגע נשמה איז ארויפגע- גאנגען אין הימעל.

זיין זכות זאל אונז בייסטיין בזה ובבא אמן.

א״ה. רוב המעשיות המה מה ששמענו מפי חסידים זקנים אנשי אמת, וגם מעט מהס׳ פע״ג להי״ת והעתקנו בע״ט כדי לזכות הרבים, וזכות כל הצדיקים נבג״מ יגן עלינו ועכ״י.

# די בעשרייבונג פון דעם גרויסען הייליגען צדיק המפורסים הרבי ר' ישראל יצחק מווארקא זצ"ל.

(הנקרא ר' יצחק ווארקער)

דער ר' יצחק ווארקער איז געווען א תלמיד מובהק פון פשיסחער רבי ר' בינם זצ"ל און אין די יונגע יאהרען איז ער אויך געפאהרען צו ר' דוד לעלעווער זצ"ל, א מאהל האט איהם ר' דוד לעלעווער מיט גענומען צום חוזה פון לובלין זצ"ל ווי דער רבי פון לובלין האט געגעבען שלום דעם יצחק ווארקער, האט ער איהם געפרעגט וואס מאכסטו ישראל? דאס איז געווען זעהר א וואונדער דעם ר' דוד לעלעווער און ר' יצחק'ן, ער הייסט דאך גאר יצחק, נישט ישראל, אבער זיי האבען געטראכט מן הסתם ווייסט דער רבי וואס ער זאגט.

אין א צייט ארום ווען דער ר' יצחק ווארקער איז זעהר קראנק געווען האט מען איהם צו געזעצט א נאמען ישראל, ערשט האבען זיי זיך דערמאנט, צו נאך פאר פיעל יאהרען האט שוין דעמאלט דער רבי פון לובלין איהם גערופען ישראל, פון דאמאלט אן הייסט ער ר' ישראל יצחק.

איינמאל ווען ר' ישראל יצחק איז געווען אין לובלין ביים רבי'ן אין חדר זאגט צו איהם דער לובלינער רבי, אויב עס וועט זיך דיר טרעפען אן צו נעמען א שטעל אלעס מלמד זאלסטו זי אננעמען. דער ר' ישראל יצחק ווארקער איז זעהר דערשראקען געווארען פון די דאזיגע רייד בעווייל זיין וויב האט געפיהרט א שעהן געשעפט אין דער היים פון וועלכען ער האט געהאט פרנסה בריוות, צו וואס טויג איהם עפעס אנצונעמען א מלומדת און צו זיין א משועבד? אין דעם קומט אריין צום רבי פון לובלין א דארפס-מאן מיט א בקשה, אז אזוי ווי ער וואוינט אין דארף און האט יונגלעך וואלט ער גערן געוואלט האבען צו זיי עפעס א לייטישען מלמד. דא האט איהם דער רבי אנגעוויזען אויף דעם יונגענמאן ר' ישראל יצחק'ן

יצחק'ן, ווי דער וואָרקער האָט דאָס דערהערט האָט ער שוין מעהר נישט נאָך געקלערט נאָר מקיים געווען דעם רבינ'ס רייד און גלייך מיט געפאָהרען מיט דעם דאָרפס-מאַן און גענומען לערנען מיט זיינע יונגלעך,

אין אַ קורצער צייט אַרום קריגט דער וואָרקער אַ בריעף פון ווייב און בעשרייבט איהם פון אַ גרויס אומגליק וואָס איז געשעהן דען רויבערס זענען זיי בעפאַלען און אַלעס צוגערויבט, אַז זיי זענען געבליבען נאַקעט און באָרפעס, האָט שוין דער וואָרקער פערשטאַנען דעם לובלינער רבינ'ס עצה, וואָס ער האָט איהם געהייסען ווערען מלמד ווייל דער רבי האָט מיט זיין רוח-הקודש געוואוסט דעמאָלט וואָס ס'וועט שפעטער זיין.

נאָך בעשרייבונגען פון דעם הייליגען צדיק, קומט אין די וויטערדיגע העפטען.

# מהרב הצדיק הק׳ אברהם מרדכי זצ״ל
# אבי בעל השפת אמת זצ״ל
# דער רבי פון גור.

אויף דעם דאָזיגען הרה״ק הר׳ אברהם מרדכי ז״ל האָבען אַלע גוטע יודען געזאָגט אַז ער האָט זעהר אַ הייליגע נשמה, ממש אַ קדוש מרחם, און ווען מ׳האט דעם אַלמען קאָצקער רבין זצ״ל גערעט שידוכים פאַר זיין געליבטען זוהן הר׳ בנימין ז״ל און האָט זיי אַלע מדחה געווען, אָבער ווי נאָהר מען האָט איהם פאַרגעברענגט אַז ער זאָל זיך משדך זיין מיט הרב הר׳ אַברהם מרדכי ז״ל איז דער קאָצקער רבי תיכף בעשטאַנען אויפ׳ן שידוך און אין אַ קורצע צייט איז טאַקע געווען די תנאים אין קאָצק.

(זעה קאָצקער רבינ׳ס בעשרייבונג מיטן נאָמען נפלאות הרה״צ מקאָצק זצ״ל דאָרט ווערט גיברענגט די גאַנצע מעשה פון די תנאים-שרייבען, ווי ס׳איז צוגעגאַנגען).

די ליבשאַפט פון קאָצקער רבין צו זיין מחותן הר׳ אברהם מרדכי איז זייער גרויס געווען, אפילו נאָך פאַר די תנאים, אָבער נאָך די תנאים איז די ליבשאַפט נאָך פיהל גרעסער געוואָרען און האָט איהם שטאַרק מכבד געווען.

איינמאָל איז דער ר׳ אברהם מרדכי געקומען צו פאָרען נאָך קאצק צוזאמען מיט׳ן פאטער דער חדושי הרי״ם ז״ל.

דער קאצקער רבי איז דאַמאלס גראדע געווען אין זיין חדר אבגעשלאָ-סען און קיינעם צו זיך נישט צוגעלאזט—אַזוי ווי דער מנהג איז געווען אַלע-מאָל אין קאצק, אַז פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אפזונדערען פון מענטשען און האט קיינעם נישט געלאזט צו זיך. אַזוי האט געקאנט דויערען זייער אַ לאַנגע צייט, און ווי די צוויי מחותנים זענען אנגעקומען נאך קאצק האט דער חדושי הרים געבעטען דעם משמש, ער זאל זיי מעלדען פאַרן רבין זיי דאַרפען צו איהם אדבר נחוץ. דער משמש האט זיי צוליב געטון מחמת זייער כבוד און געמאלדען דעם קאצקער רבין, אַז דער

חדושי

חדושי הרים וויל אריינקומען, — דעם נאמען פון הרב אברהם מרדכי האט דער משמש נישט דערמאנט מחמת פחד פארן קאצקער, דען דארט האט מען געמוזט רעדען קורצע דיבורים—האט תיכף דער קאצקער ערלויבט אריין צו קומען. נאך דעם ווי זיי זענען שוין ארויסגעגאנגען פון רבינס חדר מיוחד האט זיך דער קאצקער רבי זייער געבייזערט אויפן משמש פאר וואס ער האט איהם נישט אויך געמאלדען דעם מחותן ר' אברהם מרדכי ז"ל און געזאגט: פאר אזא מחותן האבען מיר זיך פריער געדארפט מעהר מכין זיין און אנטוען אנדערע מלבושים.

# סדר פטירתו זצ"ל.

דער הרה"צ ר' אברהם מרדכי זצ"ל האט צו זיך געהאט א משמש ר' מרדכי יעקב ע"ה.

איינמאל אין א פרייטאג (כ"ו לחודש אב שנת תרט"ו) איז פלוצלינג דער ר' אברהם מרדכי זייער שוואך געווארען און האט געהאט גרויסע יסורים ל"ע אבער ער האט זיך נישט וויסען געמאכט כדי די הויזגעזינד נישט מצער צו זיין, נאר בלויז דעם משמש האט ער אויסגעזאגט פון זיינע גרויסע יסורים, אנזאגענדיג איהם, אז ער זאל זיך נישט וויסען מאכען. פרייטיג צו נאכט איז ער נאך געגאנגען צום דאווענען, כדי קיינער זאל נישט מערקען זיין נישט אנוועזענהייט. ביים עסען די סעודת ליל שבת האט דער משמש בעמערקט. אז מחמת גרויסע יסורים עסט ער גאר נישט, בעהאלט אין זיך די שמערצען, כדי נישט פארשטערען דעם שבת. נאך די סעודה האט ער בעפוילען דעם משמש ער זאל גיין צום פאטערס טיש אליין און איהם פארענטפערען, ווייל ער מוז זיך לייגען אין בעט אריין.

דער משמש האט געהאט דערפון גרויס צער און מורא געהאט— טאמער פרעגט איהם דער פאטער פאר וואס דער זוהן איז נישטא ביים טיש ווי זיין געוואוינהייט, וואס זאל ער ענטפערען? אבער א וואונדער, ביים גאנצען עסען האט דער פאטער דער הדושי הרים זיך גאר נישט געפרעגט אויפן זוהן, נאר ער האט געהייסען זינגען דעם פייט פון יום כיפור „עוד בו נשמתו". און אז ס'איז געקומען נאכ'ן בענטשען איז אריין געקומען

צום

צום חדושי הרי״ם די רביצן מיט א גרויס געוויין און האט מזכיר געווען דעם חולה, אז ער דארף א גרויסע הילף, ווייל עס איז פלוצלינג געווארען זייער שלעכט. אבער מחמת קדושת שבת קודש האט דער רבי גארנישט געענטפערט. ווי ס׳איז געקומען פארטאגס איז דער רבי אהין געגאנגען צום חולה און געשטאנען אין פאדער צימער אבער גערעט האט ער גארנישט נאר געשטאנען אזוי פארטראכט א צייט דערנאך האט ער געפרעגט די מבקרים אויב ס׳איז נאך צייט צו דאווענען האבען זיי געענטפערט אז יא, איז ער תיכף געגאנגען דאווענען און בינו לבינו איז דעם חולה אויך עטוואס בעסער געווארען און האט זיך געוואשען די הענד, געזאגט ברכת השחר מיט גרויס דביקות און קריאת שמע מיט גרויס כוונה ווארט ביי ווארט געלאסען ביז צווישען די צייט איז דער חדושי הרי״ם צוריק געקומען פון דאווענען און אזוי אויך פינקט דאמאלס אין די דאזיגע רגע האט דער חולה געהאלטען ביים סוף ווארט פון קריאת שמע ביים ווארט „אמת״ און זיין הייליגע נשמה איז אויפגעגאנגען אין הימעל בקדושה ובטהרה זי״ע.

— — —

נאך די פטירה איז די רבי׳צן געזעסען אין פאדער צימער און שטארק געוויינט. ווי דער רבי האט זי דערהערט אזוי וויינען רופט ער זיך אן צו איהר: זיי וויסען, אז אונזער צרה וועט אבער זיין א נחמה, א טרייסט פאר פיל יודען, ווייל אזעלכעס וועט ח״ו אויך טרעפען אזא צער, אז א יודס א קינד שטארבט זאל ער נישט מתרעם זיין אויפ׳ן רבש״ע ווייל ער וועט זיך טרייסטען, הלמאי איטשע מאיר האט געהאט דרייצען טייערע קינדער און קיינער פון זיי איז נישט איהם געבליבעי לעבען דארף ער אויך נישט מתרעם זיין.

(ווי בעוואוסט איז דעם חדושי הרי״ם ז״ל אוועק דרייצען קינדער ל״ע און דער הרה״צ ר׳ אברהם מרדכי זצ״ל איז געווען דער לעצטער זייער זכות זאל אונז ביישטיין).

ווי ס׳איז געקומען פאר די קבורה איז דער חדושי הרים מיט נאך מקורבים געגאנגען אויפ׳ן בית החיים, כדי אויסזיכען א שיינע קרקע פארן נפטר, דער רבי האט זיך אנגעשטעלט ביי עטליכע קברים, וואס דארט ליגען זייער גרויסע חסידים און האט פערלאנגט, אז דא זאל מען קובר זיין זיין זוהן צווישען די מקורבים.

די חברה קדושה זענען זייער פאַדוואונדערט געוואָרען פון דעם פערלאַנג, ווייל צווישען די דאָזיגע קברים איז גאָר אוממעגליך געווען צו גראָבען אַ קבר, ווייל ס׳איז אַזוי אויך געווען זייער ענגע קברים האָרט איינס נעבען דעם אַנדערען און די מקברים האָבען דעם רבין אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אבער דער רבי איז געבליבען ביי דאָס זייניגע, אַז נאָר דאָ און געוויזען, אַז צווישען צוויי קברים פון בעוויסטע חסידים זאָל מען אַנהויבען גראָבען. אָבער די מקברים זעהען נישט קיין מעגליכקייט, אפילו צו טראַכטען וועגען דעם.

דאַמאָלס האָט זיך דער חדושי הרי״ם אַנגערופען: — פּראָבירט זיי זענען דאָך געווען היימישע וועלען זיי זיך אַביסעל קוועטשען און מאַכען אַן אָרט...

ווי די חסידים האָבען דאָס דערהערט האָבען זיי תיכף אָנגעהויבען פּרובירען גראָבען צווישען די צוויי ענגע קברים.

כך הוי אַזוי איז געשעהען. זיי האָבען געזעהען בחוש ובעין ווי דאָס אָרט צווישען די קברים ווערט וואָס אַמאָהל ברייטער און גראָמער, אַז מען האָט געקאָנט גומר זיין דאָס קבר.

נאָך עד היום זעהט מען ווי זיין קבר זעהט טאַקע אויס ווי אַריינגעקוועטשט צווישען די אַנדערע.

זכותם יגון עלינו ועל כל ישראל. אָמן.

דער שפּאָלער זיידע ז״ל פלעגט זיך נוהג זיין צו געבען צדקה יעדן איד, אפילו דעם פחות שבפחותים, ווי א גנב למשל. האָט מען אים אַמאָל געפרעגט: סטייטש רבי, ווי גיט מען עס אַוועק צדקה־געלט אַזעלכע מענטשן קאַסע־ברעכערס? האָט דער שפּאָלער זיידע געגעבען א שמייכל און געענטפערט: נישקשה, מען האָט פון זיי אויך נוצן. אויב מען פאַרשליסט פאַר מיר אַמאָל אין הימל די שערי רחמים, ווייל דער וואָס דאַרף געהאָלפן ווערן, איז נישט ווערט די הילף, דאַן שיק איך מיינע חברה־לייט, וואָס איך גיב זיי צדקה כאָטש זיי זיינען עס נישט ווערט, און זיי ברעכן שוין אויף די שערי רחמים...

# מעשיות פון הרה"ק ר' יעקב ארי' זצ"ל מראדזימין.

### (דער ראַדזמינער רבי)

איינמאָל איז געקומען צום הרה"ק קיין ראַדזמין דעם חדושי הרים'ס אַ חסיד, וואָס האָט איהם געשיקט ספעציעל צום ראַדזמינער רבין נאָך אַ ישועה און די מעשה איז אַזוי געווען:

דער דאָזיגער חסיד איז געפאָרען אונטערוועגנס מיט זייער אַ גרויסע סאָמע געלד וועגען מסחר. פלוצלינג דערזעט ער, דאָס געלד איז נישט דאָ. האָט ער זיך זייער מצער געווען ובפרט דאָס געלד איז נישט געווען זיין אייגענס, נאָר וואָס ער האָט זיך אָנגעבאָרגט ביי פרעמדע מענשען. ער האָט זיך נישט געוואוסט קיין עצה צו געבען,—פאָרען מאַכען דעם מסחר האָט ער נישט מיט וואָס און צוריק פאָרען אַ היים קאָן ער אויך נישט, ווייל ער האָט מורא פאַר די מענשען, ביי וועלכע ער האָט זיך דאָס געלד געבאָרגט. האָט ער זיך מיישב געווען און איז געפאָרען קיין וואַרשא צום חדושי הרי"ם ז"ל.

דער חסיד האָט פאַר'ן רבי'ן זייער געוויינט אויף זיין גרויסע צרה, האָט איהם דער רבי געענטפערט אַזוי: איך האָב נישט קיין שום עצה דיר צו העלפען פון די צרה, נאָר איין עצה האָסטו—זאָלסט פאָרען קיין ראַדזמין צום רבין, דורך איהם קאָנסטו האָבען די ישועה און האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז אפילו דער ראַדזמינער רבי וועט דיך מדחה זיין פיהל מאָל און אַפילו ער וועט זיך אויף דיר אָנבייזערען זאָלסטו גאָר נישט מורא האָבען און גאָר נישט קוקען דערויף, נאָר זאָלסט נישט פריהער אַוועקגיין ביז ער וועט דיר זאָגען אַ עצה און ווען די וועסט זעהן אַז דער ראַדזמינער רבי ווערט אין כעס אויף דיר, זאָלסטו דאַן איהם זאָגען, אַז איך האָב דיך צו איהם געשיקט. דער חסיד האָט אַזוי געטהוען און איז תיכף געפאָרען קיין ראַדזמין, ווי דער ראַדזמינער רבי האָט אויסגעהערט זיין בקשה האָט ער איהם געענטפערט —וואָס זאָל איך דיר טהוען, ווי אַזוי זאָל איך דיר דיין געלד צוריק געבען בין איך דען געהען דאָרט ווי דאָס געלד איז דיר אַוועקגעקומען, אַפילו מיינע אבות אבותים זענען דאָרט נישט געווען.

דער חסיד האָט אָבער ווייטער געבעטען ער זאָל איהם העלפען - ביז ענדליך האָט דער רבי זיך גוט אָנגעבייזערט אויף איהם און געהייסען איהם אַרויס גיין, אָבער דער חסיד האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און זאָגט צום רבי'ן — איך פאָהר פון דאַנען נישט פריהער אַוועק, ביז כ'וועל האָבען דאָס געלד. דאָ האָט ער בעמערקט ווי דער רבי ווערט נאָך מעהר בייז

פון

פון זײַנע ווערטער, דאַן האָט דער חסיד געזאָגט — ליבער רבי, וואָס קאָן איך טהון, אַז דער חדושי הרים האָט מיך אַזוי געהייסען און האָט דעם ראַדזמינער רבי'ן דערציילט די רייד פון חדושי הרים אַז ער האָט איהם אָנגעזאָגט נישט פריהער אוועקצופאָרען פון דאַנען, ביז כ'וועל האָבען די ישועה, אפילו דער רבי וועט זיך אויף מיר בייזערען זאָל איך נישט מורא האָבען, נאָר דאָ וואַרטען אויף די ישועה.

דער ראַדזימינער רבי הערענדיג זיינע רייד האָט זיך שטאַרק פאַר־טראַכט. דערנאָך האָט ער צום חסיד גערעט ווייכע רייד און איהם געגעבען אַ סגולה, בעפוילען אַז דער חסיד זאָל פאָרען אויף אַ געוויסען אָרט און דאָרט וועט ער צוריק בעקומען זיין געלד, און אַזוי איז טאַקע געווען.

# אַ מעשה נפלאה פון רבי ר׳ מאָטעלע זצ״ל
# דער מגיד פון טשערנאָביל.

דער רבי ר׳ מאָטעלע האָט געפלעגט אַרום פאָהרען זאַמלען געלד כדי צו שפייזען די פערבאָרגענע צדיקים, איינמאָהל איז ער געקומען אין אַ שטאָדט אַריין וואָס זיינס אַ חסיד אַ גרויסער עושר איז זעהר קראַנק געווען רח״ל, ווי דער חסיד האָט געהערט אַז דער רבי איז אָנגעקומען האָט ער געבעטען דעם רבין צו זיך מבקר חולה זיין. דער רבי איז געקומען צו דעם חסיד, זאָגט ער צו איהם: זיי וויסען אַז דו ועסט מעהר נישט אויפשטיין פון דער קרענק, ווייל דיין גזר איז זאָלסט שטאַר־בען, און האָט געוואָלט אַוועק געהן. דער חולה האָט שטאַרק געוויינט פאַר׳ן רבי און האָט געבעטען פון רבי אַז ער זאָל איהם אַ טובה טאָן אויף דעם עולם האמת, אַז ער זאָל קומען אין גן־עדן אָהן שטערונג. פאַר דעם גיט ער איהם אַ האַלב פאַרמעגען צו צוטיילען צווישען אָרימעלייט, אַזוי איז געווען דער חולה האָט איבער געגעבען דעם רבין אַ העלפט פון גאַנצען פאַרמעגען און דער רבי האָט איהם צו געזאָגט ער זאָל איהם ברענגען גלייך אין גן עדן.

דער רבי האָט זיך אין שטאָט אויפגעהאַלטען אייניגע טעג און געוואַרט ביז נאָך די פטירה פון דעם עושר, ווי דער עושר איז געשטאָר־בען האָט דער רבי אָנגעשריבען אַ בריעף צום פאטער זצ״ל הרבי ר׳ נחום זצ״ל וועלכער איז שוין געווען אויף דעם עולם העליון און האָט געהייסען מען זאָל דעם בריף מיט געבען דעם נפטר אין האַנד אין קבר אַריין. עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צייט אַ מאָהל אין אַ שבת ווען דער רבי ר׳ מאטעלע האָט זיך געוואַשען צו די סעודת שבת, פלוצלינג איז איהם די הענד זעהר שוואַרץ געוואָרען און האָט נישט געוויסט די סיבה דערפון. באַלד האָט הרב הקדוש גימאַכט עליית נשמה געוואָהר ווערען וואָס די סיבה איז פאַר וואָס די הענד זענען איהם פלוצלינג

שוואַרץ געוואָרען, ווי ער קומט אַרויף אין הימעל הערט ער אַ גרויסען קטרוג אויף זיך, ס׳טייטש דער רבי ר׳ מאָטעלע האָט גענומען געלד פון אַ יוד אַז ער זאָל איהם ברענגען אין גן עדן אַריין און האָט נישט מקיים געווען? די מעשה איז אָבער געווען אַזוי: דער נפטר ווען ער האָט געהאַט דער בריף אין האַנד האָט צו איהם קיין קטרוג נישט געקאָנט צו טרעטען, ער האָט זיך נאָך געפרעגט אַנדערע נשמות מען זאָל איהם ווייזען ווי דער רבי ר׳ נחום געפונט זיך האָבען איהם די נשמות געענטפערט אַז זיי ווייסען אויך נישט נאָר זיי האָבען געהערט אַכרוז אַז אַ צדיק איז נפטר געוואָרען און די פמליא של מעלה ווילען איהם אַקייגען גיין ווערט דאָך מסתמא דער רבי ר׳ נחום אויך אַ קייגען גיין ווילען זיי איהם ווייזען דעם רבי ר׳ נחום דאַמאָלס וועט ער קענען איבער געבען דעם זוהנס בריף. אַזוי איז טאַקע געווען, אָבער ווייל דער רבי ר׳ נחום איז געווען אַ טרוד ביים אַקייגען גיין האָט ער דעם בריעף גאָהר נישט איבערליינט און דער מת האָט נישט געהאַט דאַמאָלס שכל צו האַלטען זיך ביים רבי ר׳ נחום ביז ער וועט דעם בריעף איבערליינען און טאָהן זיין זוהנס פערלאַנג נאָר דער מת איז געבליבען אַליין אָן בריעף, באַלד האָבען איהם באַגעגענט די מלאכי חבלה און איהם אָנגעטון גרויסע יסורים, און דער מת האָט געשריגען מיט אַ ביטער קול: וואו איז מיין געלד וואָס איך האָב געגעבען אַ פדיון פאַר מיין נפש. איבער דעם איז געוואָרען אַ קטרוג אויף דעם רבי ר׳ מאָטעלע ז״ל און זיינע הענד זענען שוואַרץ געוואָרען; ווי רבי ר׳ מאָטעלע האָט דאָס געזעהען איז ער תיכף געגאַנגען צום פאָטער ז״ל מיט אַ געשריי, זעה ליבער פאָטער וואָס האָסט מיר געטאָהן איך האָב צו דיר געשיקט אַ בריעף און האָב זיך פערלאָזט אויף דיר אַז וועסט דעם יוד אַ טובה טאָהן. חאָדז איך אַליין האָב אויך געקאָנט דעם יוד דאָס טאָהן נאָר איך האָב געוואָלט מיר גרינג מאַכען און יעצט האָסטו איהם געלאָזט שטיין. דאַמאָלס זענען ביידע געגאַנגען אויף זוכען דעם מת און האָבען איהם געברענגט אין גן עדן אַריין. אַזוי ווי זיין צוזאָג איז געווען, נאָך דעם איז רבי ר׳ מאָטעלע צוריק געקומען אויף דעם עולם און די הענד זענען צוריק געוואָרען ריין ווי פריער. און האָט פאַרן עולם דערציילט די גאַנצע מעשה. דער זכות פון די צדיקים זאָל אונז ביישטיין אמן.

# דאָס בעשרייבונג פון הרה"צ הקדוש המפורסים ר' מנחם מענדל זצ"ל אדמו"ר פון קאָצק.

(דער קאָצקער רבי)

דאָס ווייסט די וועלט, אז אין קאָצק איז דאָס רביסטווע געפירט געוואָרען גאר אויף אַן אנדער שטייגער ווי ביי אַנדערע גוטע יודען. אין קאצק איז גיוועז ממש אש להבא אז חסידים האבען דאמאלס געזאגט, אז ווער עס ריהרט אפ די קלאַמקע פון קאצקער רבי'נס חדר, דער מוז תשובה טוהן פאר זיין שטארבען, און יעדע תנועה אפילו, א חוץ וואס ס'איז געוועז בלתי לה' לבדו איז אויך געטוען געוואָרען אלץ מיט שארפקייט, מיט'ן גרעסטען ברען און אלץ איז געוועזן אזוי בהסתר פארשטעלט און ברמיזה, אזוי, אז דער פראסטער מענש האט געקענט מיינען, אז די דאזיגע חסידי-קאצק זענען גאר נישט קיין חסידים, נאהר עפעס גאר נישט גלייך צו אנדערע מענשען.

זייער עבדות הבורא איז געוועזן בהסתר, און דאס פייער פון יראת ה' ורוממותו האט געברענט אינווייניג, און דער רבי ז"ל האָט טאקע אזוי ארום געפירט מיטן עולם, אז די אימה ופחד פארן רבינס א קוק האט זיי ממש ארויסגעברענגט פון די כלים.

געוואוסט האבען די חסידים איין זאך: לערנען זייער פיהל און פירען חסידות אויף דעם שארפסטען שטייגער און אויך א סעודת מרעים מיט דברי תורה, אדער א גוטען רמז פונם רבי'ן דערביי, אדער אזוי א לחיים צוזאמען אין בית המדרש און דערנאך זיך אוועקזעצען לערנען בהסתר א גאנצע נאכט אהן מידקייט—מיט יראה ואהבה להשי"ת.

דאס איז געוועזן א שטענדיגע זאך און דער פראסטער מענש, וועלכער האט נאר פאר זיך געזעהן—ביי די דאזיגע חסידים—די סעודה הגשמיות, אבער דאס רחניות דערביי האט ער נישט בעמערקט, דער האט געמיינט, אז דאס זענען גאר קיין גלייכגילטיגע מענשען. און זיי—די דאזיגע חסידים האט דאס גאר בכלל זיי נישט געאַרט וואס דער זייטיגער מענש טראכט וועגען זיי, זייער התלהבות האבען זיי תמיד נאר צווישען זיך אויסגעפירט מיט'ן גרעסטען ברען און טאקע פון די דאזיגע חסידים זענען שפּעטער נאך דעם קאצקער רבי'נס פטירה, געווארען אליין אויך רבי'ס, אנגעפיהרט מיט א גרויסען עולם (אזוי ווי ס'ווערט בעזונדער דערציילט פון די דאזיגע שפעטערע רבי'ס זי"ע).

זעה נפלאות הרה"צ מגור, ראדזמין, אלכסנדר א. א. וו.

א מנהג איז געוועזן אין קאצק, אז א טייל מאהל האט זיך דער רבי פערשלאסען אין זייז חדר מיוחד און זיך נישט געוויזען פארן עולם א לאנגע

אַ לאַנגע צייט און אויך נישט צו זיך קיינעם אריין געלאָזט. אַזוי אַרום איז אַ טייל חסידים אויסגעקומען צו זיצען אין קאָצק און וואַרטען אַ לאַנגע צײַט ביז זיי וועלען האָבען די זכיה אָן צו קומען צום רבין.

# די תנאים אין קאָצק.

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט גענומען זיך פאַר אַ מחותן צו זײַן זוהן הר׳ בנימין ז״ל דעם גרויסען צדיק הר׳ אברהם מרדכי ז״ל (דעם חדושי הרימ׳ס אַ זוהן) און ווי דער מחותן מיט די כלה זענען געקומען צו פאָרען קיין קאָצק צו שרײַבען תנאים, דאַמאָלס האָבען זײַ גראדע גע־טראָפען אין דער צײַט, וואָס דער רבי איז געווען אין זיין חדר מיוחד פערשלאָסען און האָט זיך נישט געוויזען פאַרן עולם.

געוואוסט האָט שוין דער עולם דאָס התנהגות אז עס העלפט דאַמאָלס גאָר נישט קיין השתדלנות אַז דער רבי זאָל פערלאָזען זיין חדר מיוחד און זיין ביי די תנאים־שרײַבען דערום—באין־ברירה—איז ביי די מחותנים געוואָרען אָנגעשטימט צו מאַכען די תנאים מיט די סעודה אין בית המדרש פון רבין, מען האָט זיך צו דעם פארגעברייט, אפילו אָן די אַנוועזענהייט פון קאָצקער רבין.

פלוצלינג האָט דער רבי אריינגעשיקט זאָגען דורך די רבי׳צן, אַז ער וועט יאָה קומען אריין אין בית המדרש צו די תנאים און אָנגעשטימט וועלכע שעה. ווי די אלע חסידים האָבען דאָס געוואָהר געוואָרען האבען זיך אַלע פערזאַמעלט אַרום דעם טיש, כדי זיי זאָלען די זכיה האבען צו זעהן דעם רבי׳נס פנים, וועלכעס זײַ האבען לאַנג נישט געזעהן, אויך צו דער בעשטימטער צײַט האבען זיך ארומגעזעצט צום טיש אַלע מחותנים און מקורבים, צווישען זיי איז געווען דער חדושי הרי״ם ז״ל, דער זיידע פון די כלה און אויך דער מחותן הר׳ אברהם מרדכי ז״ל מיטן חתן און גאָר געוואָרט ביז דער קאָצקער רבי זאָל ערשיינען צו דער בעשטומטער צייט, דאַן וועט מען שרייבען תנאים.

עס גייט פערביי די בעשטימטע שעה, און דעם רבי׳ן זעהט מען נישט. אַזוי איז פערביי אַ לאַנגע צייט און מ׳זעט נישט דעם רבי׳ן. דאָס איז אַלע געווען אַ גרויס וואונדער און אַממערסטען האָט די רביצן געהאַט דערפון גרויס צער און בושה, אָבער קײנער האָט נישט געהאַט דאָס דרייסטקײט אַריינגיין צום רבין דערוועגען, אָבער די רביצן האָט זיך געשטאַרקט און איז יאָ אַריינגעגאַנגען און געפרעגט דעם רבין פאַר וואָס ער קומט נישט אריין צום טיש אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, און געביטערט פאַר איהם די גרויסע בושה וואָס ער איז דאָ גורם, ווייל אַלע מחותנים וואַרטען אַזוי לאַנג...

דאָמאָלס האָט דער קאָצקער רבי אַ גרויסען זיפץ געטוען און איהר גיענטפערט: וואָס זאָל איך טוען, ווי קאָן איך זיך פרייען מיט מיין מחותן, אַז איך זעה נישט אריכות ימים פאַר אונזער טייערען מחותן. אַזוי איז טאַקע געווען, דער מחותן הרה״צ ר׳ אברהם מרדכי ז״ל איז נפטר געוואָרען זייער יונג, ביום ש״ק כ״ז אב תרט״ז.

(זעה אין די אַנדערע חלקים די בעשרייבונג פון דאָזיגען צדיק ז״ל).

# די חתונה אין קאָצק.

ווען די מחותנים זענען געקומען קיין קאָצק אויף די חתונה ווען אַלע זענען שוין געשטאַנען גרייט צו דער חופה אין געוואַרט נאָר אויפ׳ן רבי׳ן. האָט אויך געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז דער רבי איז אַרויסגעקומען צו דער חופה האָבען איהם דאַמאָלס געפרעגט זיינע מקורבים די סיבה דערפון, האָט ער זיי געענטפערט: ווייל אַזוי ווי איך האָב פאַרבעטען מיין גוטען פריינד הצדיק הר׳ יצחק וואָרקער ז״ל צו מיין שמחה (דאָס איז געווען לאחר פטירתו) און ער איז ביי מיר געווען און מיר געזאָגט צוויי מאָל מזל־טוב איינמאָל פון די חתונה און אַז דער רוס וועט האָבען א מפלה *). ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט שיידען פון אַזאַ חבר און אַוועקגיין כל זמן ער איז נאָך דאָ געווען.

(נאָך ערצעלונגען פון קאָצק געפונט זיך אין די וויטערדיגע חלקים).

*) היינו, בעת המלחמה ווען דאָס דאַמאָלסדיגע רוסלאנד האָט געפיהרט מיט און האָט יודען פיעל צרות אָן געטאָן.

# דא ווערט בעשריבען פון הרה"צ והדוש ר' יהודא ארי' ליב זצ"ל פון גור דער שפת אמת זי"ע מיט זיין זיידען דער חדושי הרי"ם זצ"ל.

איינמאָל איז געקומען צו גאַסט צום חדושי הרי"ם ז"ל דער צאַנזער רב הרהגה"ק ר' חיים צאַנזער זצ"ל, זיי האָבען צווישען זיך גערעט פיל תורה און דער רבי האָט איהם זעהר מכבד געווען, ביים געזעגענען האָט דער רבי געזאָגט צום צאַנזער רבי, איידער איהר פאָהרט אָפ פון מיר וועל איך אייך ווײַזען אַ דבר חידוש און האָט איהם אָן גענומען ביי די האַנד און איהם צו געפירט צו דעם אָרט ווי סאיז געשטאַנען אַ וויגעל מיט אַ קליין קינד און זאָגט צו איהם: צאַנזער רב זעהט נאָר מיין אײַניקעל ער איז אַ דבר חידוש, ווי דער צאַנזער רב האָט זיך איינגעקוקט גיט אינם קינד'ס פנים איז ער זעהר נתפעל געוואָרען און געזאָגט: אָווא, סאיז באמת אַ דבר חידוש.

דאס קינד איז געווען דער שפת אמת זצ"ל.

ווען דער שפת אמת איז שוין געווען אַ דערוואַקסען יונגעל איז איינמאָל אויס געקומען אז דער אַלטער ראַדזמינער רבי זצ"ל איז געווען ביים חדושי הרי"ם זצ"ל צווישען זײַער שמיעס האט דער חדושי הרי"ם געזאָגט צום ראַדזמינער רבין: קומט וועט איהר הערען לערנען תורה לשמה, און האט איהם צוגעפירט צו אַ חדר וואס דאָרט איז געזעסען דער שפת אמת און געלערנט, זענען זיי ביידע אַזוי געשטאַנען אַפאהר מינוט הינטער די טיהר און זיך צו געהארכט ווי דאס יונגעל זיצט אינווייניג און לערענט, רופט זיך אפ דער ראַדזמינער רבי, אה ריכטיג זיין לערנען איז באמת תורה לשמה.

# דער שפת אמת זצ"ל קריגט פון זיידען חנוכה-געלד א בן-זכר.

ביי דעם שפת אמת זיידע (דער חדושי הרי"ם זצ"ל) איז געווען אַ כנהג אַז יעדען חנוכה (נאָך חנוכה-ליכט צינדען) זענען די אייניקלעך צוזאַמען געקומען ביים זיידען און דער זיידע האָט זיי געטיילט חנוכה-געלד, איינמאל אין אַ חנוכה ווען ער האט געהאַלטען ביים געבען זיין אייניקעל דעם שפת אמת חנוכה-געלד ווי תמיד, האט דער שפת אמת געזאָגט צום זיידען אז ער דאַרף נישט קיין געלד. האט דער זיידע צו איהם אַ זאג געגעבען: „אבער

א בן זכר דארפסו? וועט דאס זיין דיין חנוכה-געלד", און דאמאלט אין די דאזיגע צייט איז דער שפת אמת שוין געווען א פאר יאהר נאך די חתונה און האט נאך קיין קינד נישט געהאט און דאקטוירים האבען אויף געגעבען אלע האפענונגען אז זיין ווייב קאן קיין קינדער נישט האבען סאדען אז מ'וועט זיע אפערירען און די אפעראציע איז זעהר א שווערע א מסוכנ'דיגע און דא הערט ער גאר פלוצלינג פון זיידען אזא חנוכה-געלד, א בן זכר! דרובער איז זיין שמחה געווען זעהר גרויס ווייל ער איז געווען בטוח אז דעם זיידענס הבטחה וועט בוודאי מקוים ווערען, און אזוי איז טאקע געשעהען אז אין אקורצע צייט ארום איז דאס ווייב געווארען מעוברת, אבער זיע איז זעהר שוואך געווארען און פיעל געליטען ביז דאס הויז-געזינד האבען גערופען עטליכע דאקטוירים און אלע דאקטוירים האבען בעפוילען אז מען מוז זי אפערירען און דאס קינד אפ נעמען פון איהר, און אויב נישט, איז זיע אין אגרויסע סכנה, איז די רבצין אריין געגאנגען מיט אגעוויין צום מאן דער חדושי הרי"ם ז"ל און איהם דערציילט וואס די דאקטורים זאגען האט ער זעהר מקפיד געווען פאר וואס מען האט געפרעגט דאקטורים און האט צו איהר געזאגט: אז פארוואר איך האב דאך צו געזאגט אבן-זכר, און האט אן געזאגט אז מעהר זאל מען קיין דאקטורים נישט נוצען ווארען עס וועט בשלום אלעס גיט זיין, און ווען ס'איז געקומען דער טאג פון געלעגענווערען איז די יסורים און סכנה געוועזן זעהר גרויס איז מען באלד אין דערפריה אריין געלאפען מיט א גרויס געוואלד צום רבי'ן אז די יולדות איז זעהר אין א סכנה און מ'מוז תיכף ומיד האבען א דאקטאר, האט ווידער דער רבי נישט ערלויבט נעמען א דאקטאר און האט זיי צו געזאגט, אז ער גייט נישט פריער דאווענען שחרית ביז ס'וועט זיין די הילף, און אזוי איז טאקע געשעהן דען און א קורצע צייט איז איינע א מקורבה אריין געקומען צו לויפען צום רבין אין חדר אן געבען מזל-טוב די יולדוח האט בשלום געהאט א מיידיל, ווי דער רבי האט געהארכט איהרער רייד רופט ער זיך אן צו איהר: ניין דו זאגסט א ליגענד, הערשט און אפאהר מינוט ארום איז די רבצין אלין, אריין געקומען מיט אמזל טוב אז ס'איז געבוירען בשלום א יונגעל, אין הערשט דאמאלט האט דער רבי געזאגט „מזל-טוב" און איז געגאנגען דאווענען שחרית.

דאס דאזיגע יונגעל איז אדמו"ר
דער רבי פון גור שליט"א.

און ווען דאס קינד איז אלט געווארען אפאהר וואכען האט מען עס אריין געבראכט צום זיידען ער זאל עס אן קוקען האט ער דאס קינד בעטאפט פון קאפ ביז צו די פיס און געזאגט: „בעסער האט מען שוין נישט געקענט פערלאנגען"...

נאך בעשרייבונגען אין די ווייטריגע חלקים אי"ה.

# פון הרה״ק הצדיק מראדאמסק זצ״ל

(דער תפארת שלמה)

דער ראַדאָמסקער רבי איז געווען אַ גרויסער מתנגד אויף די התנהגות פון דאַמאָלסדיגע קאָצקער חסידים, ווייל דאָס קאָצקער חסידות איז גאַנץ אַנדערש געפירט געוואָרען גאָר אויף אַנדערען אופן (זעה דאָס בוך „נפלאות מקאָצק״ וועלכעס מיר האָבען דאָרט בעשריבען די התנהגות פון קאָצק).

גראַדע האָט דער רבי געהאַט אַ איידעם מיט׳ן נאָמען ר׳ ליפמאַן ז״ל, וועלכער איז געווען דווקא יאָה אַ הייסער אַ פייערדיגער קאָצקער חסיד, אָבער ער האָט זיך זייער געהיטען פאַרן רבי׳ן–זיין שווער, אַז ער זאָל נישט וויסען פון זיינע נסיעות נאָך קאָצק.

איינמאָל האָט דער רבי זיך דערוואוסט, אַז זיין איידים ר׳ ליפמאַן ז״ל פאָרט נאָך קאָצק. האָט ער איהם שטאַרק געראוידיפט, אָבער עס האָט גאָר נישט געהאָלפען; דער ר׳ ליפמאַן איז געבליבען ביי דאָס זייניגע און איז יאָ געפארען פון צייט צו צייט נאָך קאָצק, נאָר שוין נישט בעהאַלטענער הייט ווי פריהער.

צווישען די פיהל קאָצקער חסידים איז אויך געווען דער גרויסער גאון הק׳ ר׳ איטשע מאיר זצ״ל פון גור (דער חדושי הרי״ם) און פון דעם דאָזיגען חסיד האָט גראַדע דער ראַדאָמסקער רבי יאָה געהאַלטען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער איז זייער אַ גרויסער גאון אין נגלה, דעריבער האָט דער רבי–באין ברירה געבעטען מיטן איידים הר׳ ליפמאַן און איהם געבעטען, אַז ער זאָל חאָדזיק יעדעס מאָהל ווען ער איז אין קאָצק זיך חבר׳ן מיט דעם דאָזיגען ר׳ איטשע מאיר׳ן און לערנען ביי איהם.

אין אַ צייט אַרום ווען דער קאָצקער רבי זצ״ל איז נפטר געוואָרען און דער עולם האָט אָנגעהויבען פאָרען צו דעם ר׳ איטשע מאיר׳ן זצ״ל איז אויך דער ר׳ ליפמאַן געוואָרען זיינס אַ חסיד. דאַמאָלט איז געוואָרען שלום צווישען שווער מיט׳ן איידים און דער שווער איז געווען צופ־ידען, וואָס דער איידים פאָרט צו איהם.

איינמאָל, ווען דער איידעם איז געקומען צו פאָרען אַ היים פון אַ נסיעה האָט איהם דער שווער אויסגעפרעגט אויף דעם דרך החסידות פון זיין רבי׳ן האָט איהם דער איידעם געשילדערט די גאַנצע התנהגות פון זיין רבין הרה״צ ר׳ איטשע מאיר זצ״ל און ווי ער פיהרט מיט׳ן עולם בכלל ובפרט, האָט דעם ראַדאָמסקער רבין זייער געפאָלען די פיהרונג און האָט געהאַט זייער הנאה, אַז אין אַ קורצע צייט, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו זיין אין וואַרשע איז ער אַליין בכבודו ובעצמו אַריין געגאַנגען צום הרה״ק ר׳ איטשע מאיר ז״ל און ביידע האָבען זיך פערשלאָ־סען אין אַ בעזונדער חדר און דאָרט פאַרברענגט זעהר אַ לאַנגע צייט. ביים געזעגנען זיך האָט איהם דער רבי ר׳ איטשע מאיר ז״ל באַגלייט מיט אַ ליכט

אַ ליכט אין האַנד—פאַר זיין כבוד וועגען. נאָכן געזעגענען, ווען דער ראַדאָמסקער רבי ז״ל האָט שוין געהאַלטען ביים אָפּפאָרען האָט דער רבי זיך איינגעבויגען און געבעטען, אַז דער ראַדאָמסקער רבי זאָל איהם בענ־שען ברכות כהנים (ער איז געווען אַ כהן).

אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער רבי ר׳ איטשע מאיר זצ״ל איבער־געצויגען קיין גור — נעבען ווארשא, און טאַקע דאָרט איז ער נפטר געוואָרען.

ביי די פטירה איז אויך דאָמאָלס געווען אין גור דער זעלבער ר׳ ליפּמאַן. ווען ער איז צוריק אַהיים געקומען נאָך ראַדאָמסק האָט ער זיך געהיטען און נישט געוויזען זיך פאַרן שווער, ווייל טאָמער פרעגט ער איהם אויס אויפ׳ן רבי׳ן פון גור זאָל ער איהם נישט מצער זיין. אָבער דער ראַדאָמסקער רבי האָט זיך דערוואוסט פון זיין איידומ׳ס קומען האָט ער איהם געשיקט רופען און געהייסען איהם דערציילען דעם גאַנצען סדר פון די פטירה־צייט, וועגען סדר פון די הייליגע פטירה, דאָס איז געשריבן (זעה אין „נפלאות החדושי הרים זצ״ל״ דאָרט ווערט בעשריבען ווי עס איז דערגאַנגען פון אָנהויב ביז ענדע).

ווי דער ר׳ ליפּמאַן האָט געענדיגט זיינע רייד האָט דער ראַדאָמסקער רבי שטאַרק אנגעהויבען וויינען און געוויזען דעם איידים אויף די באָרד מיט די ווערטער: „זעהסט, מיין באָרד איז שוין ווייס, נו, איך האָב שוין נישט דאָ אויף דער וועלט וואָס צו טהון״ דערנאָך האָט ער זיך געוואָנדען צום עולם און דערציילט, אַז ער האָט אַ קבלה פון זיינע רבי׳ס, אַז ווען עס וועט נסתלק ווערען דער צדיק הדור וועט מען איהם רופען אַרויף אין הימעל כדי ער זאָל דאָרט מקבל־שבת זיין, און אַזוי ווי דער גור׳ער רבי דער צדיק הדור איז נסתלק געוואָרען מוז ער אויך נסתלק ווערען, כדי מקבל שבת זיין.

(ווי בעוואוסט איז דער ראַדאָמסקער רבי געווען זייער אַ גוטער בעל־תפלה און אַ שיינער זינגער) און אַזוי איז געשעהען. די זעלבע וואָך דאָנערשטיג אָווענד איז דער ראַדאָמסקער רבי זצ״ל פלוצלינג נסתלק גע־וואָרען. זי״ע ועכ״י אמן.

נאָך בעשרייבונגען פון הרה״צ הקדוש מראַדאָמסק זצ״ל קומט אין די וויטערדיגע העפטען אי״ה.

# א מעשה נורא פון הרב הצדיק הקדוש ר׳ משה צבי מסאווראן זצ״ל.

איינמאָל איז נעקומען צום רבי׳ן אויף ראש השנה צו פאָרן זיינס א מקורב הר׳ גרשון קעשינאָווער ז״ל, דער שטייגער איז געווען אַז תמיד האָט איהם דער רבי זעהר מקרב געווען אין דעם ראָש השנה האָט איהם דער רבי אָפילו קיין שלום נישט געגעבען און ביים טיש קיין לחיים נישט איהם געווינטשען, אַזוי איז אַדורך געגאַנגען גאַנץ ראָש השנה דער ר׳ גרשון האָט גאָר גישט געקאָנט פארשטיין די סיבה דערפון דערום איז ער אַרום געגאַנגען גאַנץ יום טוב זעהר פערביטערט, ווי סאיז גיקומען נאָעך יום טוב אין טאָג פון צום גדלי׳ האָט דער רבי געשיקט נאָך איהם, דאָ האָט ר׳ גרשון געמיינט אַז יעצט וועט איהם שוין דער רבי מקרב זיך דרובער איז ער געלאָפען מיט גרויס שמחה צום רבין אָבער ווי ער קומט אַריין אין רבינס חדר אזוי וואָרט ער אַז דער רבי זאָל איהם שלום געבען ווי תמיד אָבער דער רבי קוקט איהם בלויס אַריין אינם פנים אין געט איהם אַלץ נישט קיין שלום אַזוי האָט געדוירט אַלענגערע צייט וואָס דער רבי קוקט שטארק אין פנים פון ר׳ גרשון, דער נאָך זאָגט דער רבי צו איהם: גלויב מיר גרשון אז איך האָב דיך אַרום געזעהן פון קאָפּ ביז די פיס אין איך וויים נישט פאַר וואָס איך קאָן נישט מקבל שלום זיין ביי דיר, וואָס פאַר אַ העמד גיסטו? ווי דער ר׳ גרשון הערט דעם רבינס פראַגע איז ביי איהם שוין אַלעס רעכט געוואָרען ווייל די מעשה איז געווען אַזוי: ווען דער ר׳ גרשון האָט זיך מכין געווען צו פאָרען צום רבין אויף יום טוב און איז זיך געגאַנגען איינפאַקען אַלע זיינע מלבושים און וועש כדי מיט צו נעמען, האָט איהם זיין ווייב אויך מיט געגעבען 2 נייע העמדער וואָס זיע האָט גראַדע געקויפט אין גאָס ביי איין ערל און ר׳ גרשון האָט זיך איינס אָן געטוען פאַרן אַריין גיין צום רבין און אַזוי ווי דאָס העמד איז געגייט געווען נישט פון אַ יוד און אפשר איז עס גאָר געווען מיט שעטנז דעריבער האָט דער רבי נישט געקאָנט איהם שלום געבען, אין נאָך דעם ווי דער רבי האָט איהם געשטעלט די פראַגע איז ער אַהיים געלאָפען אין זיך געשאָפט א יודיש-העמד און זיך איבער געטיען אין געקומען פאַרן רבין, הערשט דעמאָלס האָט איהם דער רבי זעהר מקרב געווען ווי תמיד, זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין אָמן.

# מהרה״צ הקדוש הנ״ל זי״ע

ווען עס איז אום געגאנגען צו גרויסע שלאפעקייטען רח״ל האט דער דאזיגער הייליגער צדיק אזוי געזאגט: עס שטייט „ויעמוד בין החיים ובין המתים ותעצר המגפה״ איך טייטש מיר סיי כ׳וועל זיין פון די דאזיגע וואס שטארבען פון די מגפה רח״ל און סיי כוועל זיין פון די לעבעדיגע חעל איך זיך בעמיהען מיט אלע מעגליכקייטען אז ס׳זאל זיין „ותעצר המגפה״ אז די מגפה זאל ווערען אפגעטועז, און אזוי איז טאקע געשעהן דער הייליגער. רבי זצ״ל איז נפטר געווארען פון די דאזיגע שלאפעקייטען ר״ל און די מגפה איז געווארען אפגעטועז, זי״ע ועל כל ישראל אמן.

# די חכמה פון הרב הצדיק הקדוש ר׳ משה צבי מסאוראן זצ״ל.

אין א שטעטיל נעבען סאווראן האט געוואוינט א ויין סוחר ר׳האט געהאט זיינעם אגרויסען קעלער מיט פעסער וויין, ביי דעם סוחר האט געדינט אמשרת זעהר אבכבוד׳ער יונגער מאן, מיט דער צייט האט זיך דער משרת אן געקלובען פיפציג טאלער שכירות, און דאס געלד האט ער פערבינדען אין א טיכעל און עס געהאלטען בעגראבען אין קעלער אינטער די פעסער וויין, אייגמאל זעט דער משרת אז דאס געלד איז נישט דא האט ער געמאכט אגרויס געוואלד, אבער שרייען האט נישט געהאלפען, און דאס געלד איז נישט דא, איז געגאנגען דער משרת צום רבין און איהם דערציילט זיין ביטער הארץ, האט דער רבי געשיקט נאך זיין בעל הבית און פרעגט איהם אויב ער האט גענימען דאס געלד ווייל אויסער זיי ביידע קומען דאך נישט אראפ אינם קעלער אבער דער בעל הבית לייקענט אז ער ווייסט פון גאר נישט, זאגט דער רבי צו איהם אזוי: אויב עס איז ריכטיג אזוי ווי דו זאגסט אז דו האסט דאס געלד נישט גענומען האט דאך געמוזט אפרעמדער גנב זיך אריין חאפען אינם קעלער און האט גענומען דאס געלד און קאן דאך זיין גאר אז דער גנב איז געווען א ערל איז דער דין אז דיין גאנצער וויין איז יין נסך. ווען אזוי מוז איך הייסען אויס רופען אז מען טאהר נישט ביי דיר קויפען דעם וויין, ווי דער בעל הבית האט דאס דערהערט איז איהם שוין ביטער געווארען אויפ׳ן הארץ ווייל עס שטייט דאך איהם היזק צו האבען דעם גאנצען קעלער וויין וועלכער באטרעפט פיעל געלד דעריבער האט ער שוין מודה געווען אז ער אליין איז דער גנב אבער דאס האט ווייניג איהם געהאלפען ביז ער האט צוריק געברענגט דאס זעלבע בינטעל געלד מיט די פיפציג טאלער מיטן זעלבען טיכעל אקוראט ווי דער משרת האט עס געהאט געהאלטען פערבינדען, ע״כ. זי״ע.

# א מעשה פון הרה"צ הק' מסטרעליסק זצ"ל.

איינמאל איז דעם רבין אויס געקומען צו זיין א שבת אין לעמבערג און ווי דער שטייגער איז געווען זענען צו איהם געקומען פיל חסידים און אין יענע צייט האבען דארט געוואוינט פיל מתנגדים וואס זענען געווען בייז אויף דעם דרך החסידות, און ווי זיי האבען געזעהן אזא גרויסען עולם קומען צום רבין זענען זיי נאך מעהר געווארען אין כעס און האבען אנגעהויבען זיכען עצות דעם רבין שלעכץ צו טוען, האבען זיי זיך מיישב געווען אזוי ווי אין לעמבערג געפינט זיך א רעגירונגס-צענזור א גרויסער חוקר זענען זיי געגאנגען צום דאזיגען חוקר און אויסגערעדט אויפ'ן רבי'ן אז דורך איהם ווערען פיל מענשען אויס געטוען פון מסחר נאהר פארברענגען זייער צייט אין דאוונען וכדומה, אזוי לאנג ביז דעם חוקר האט אויך נישט געפעלען אזא התנהגות דעריבער האט ער תיכף געשיקט רופין דעם רבי'ן צום פארהער, ווי דער בעפעל איז אנגעקומען זענען אלע חסידים געווען זעהר צערודערט מחמת מורא ס'זאל נישט דערפון ארויסקומען א עגמת נפש ווייל אין חקירות קאן דאך זיין אז דער צענזור וועט דעם רבין מנצח זיין, אבער דער רבי איז געווען גאנץ גלייכגילטיג דערצו, און האט דעם שליח געהייסען זאגען, אז ער וועט זיין ביים חוקר צו דער בעשטימטער צייט, ווי דער רבי האט זיך מכין געווען צו גיין צום חוקר האבען די חסידים צווישען זיך אויסגעקליבען עטליכע יונגע לייט וועלכע האבען עטוואס א ידועה אין וויסענשאפטליכע זאכען אז זיי זאלען מיט גיין מיטן רבין, ווי דער רבי קומט אריין צום חוקר האט דער רבי געבעטען אז ער זאל הייסען אלע זייטיגע מענשען ארויס גיין, ממילא זענען די יונגע חסידים אויך ארויס געגאנגען און נאהר זיי ביידע זענען פארבליבען אין צימער, אזוי האבען זיי פארברענגט עטליכע שעה, דערווייל זענען די חסידים געזעסען אין פאדער-צימער מיט גרויס שרעק, אבער ווי פערוואונדערט זענען זיי געווארען אז זיי האבען דערזעהן ווי נאך די פאהר שעה קומט ארויס דער רבי בעגלייט פון דעם חוקר און דער חוקר טהוט איהם אן זעהר גרויס כבוד און הערען נאך ווי דער חוקר בעדויערט אויף זיין שלעכט פיהרעכטץ ביז יעצט וואס ער האט פארברענגט זיין צייט מיט פוסטע חקירות. דאס איז זיי געווען א גרויס וואונדער, אבער זיי האבען נישט געהאט אין זיך דאס דרייסטקייט צופרעגען דעם רבי'ן וועגען דעם, נאהר האבען דאס דערציילט פאר די עלטערע חסידים, האבען זיי געבעטען פון

רבין

רבין אז ער זאָל זיי דערציילען דעם שמוס וואָס איז געווען מיטן חוקר, דעמאָלט האָט זיי דער רבי געענטפערט אזוי: ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד האב איך אנגעהויבען חוקר׳ן פון וואַנען נעמט זיך אַ הימעל, שטערען, גראזען און אזוי ווייטער. פיל נעכט האָב איך פערבראַכט אין פאַרשען די דאזיגע זאַכען און נאָך אנדערע חכמות ביז ענדליך בין איך דערגאנגען אַז דאָס אלעס איז נאהר דעם בורא עולם׳ס מעשים, דאמאָלט האָב איך צו זיך געזאָגט אַז אויב יא אזוי אז דאס אלעס שטאמט פון גאָט ב״ה מוזען מיר זיך דאָך פלייסען צו דינען איהם, דרום׳ער פארשטייט עטץ שוין אז איך האָב זיך געקאָנט מיט דעם חוקר גוט אויס שמוסען און האָב איהם טאקע דערוויזען דעם ריכטיגען דרך־התשובה.

# נאך א וואונדערליכע מעשה
# פון הרה״צ הקדוש ר׳ אורי׳ מסטרעלוסק זצ״ל.

דאָס איז בעוואוסט אַז דער רבי האָט מיט זעהר תשוקה פיל געלערענט אין ספר הרמב״ם. איינמאָל האָט מען איבערדרוקט די רמבם׳ס מיט אַ פרישען פערלאַג, ווי דער רבי ז״ל האָט דערפון דערהערט האָט ער שטאַרק חשק געהאָט צו קויפען זיך די נייע רמבם״ס אָבער ער האָט נישט געהאָט קיין געלד. אין דעם קומט צו איהם זיינס אַ חסיד אַ דורך פאָהרענדער דארפ׳ס מלמד וואָס איז אַ היים געפאָרען פון דאָרף צו זיך אויף יום־טוב (דאָס איז געווען פאַר פסח) זאָגט צו איהם דער רבי אַזוי ווי די פאָהרסט אַהיים פון דאָרף מן הסתם האָסטו ביי דיר דעם שכר לימוד בעט איך דיך זאָלסט מיר באָרגען דאָס געלד ווייל איך האָב זעהר חשק מיר צו קויפען די נייע רמבם״ס, דער מלמד האָט נישט פיעל געטראַכט און האָט ארויס גענומען דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט זיך אָנגעקליבען פון דעם גאַנצען

הזמן

זמן און עס אַוועק געגעבען דעם רבין אַז אפילו אויף צורך יום טוב האָט ער זיך נישט איבערגעלאָזט. דער רבי איז געוואָרען מלא שמחה אַז ער קאָן זיך קויפען די ספרים, און האָט געזאָגט צום מלמד אַזוי: כ'זאָג דיר צו אַז וועסט אַ היים קומען וועסטו דיין אייגענס האָבען אַ גרויס עשירות. דער מלמד האָט זיך געזעגענט און איז געגאַנגען צופוס אַ היים אָן אַ פרוטה ביי זיך, ווי ער קומט נאָענט צו זיין שטעטעל טרעפט איהם זיינס אַ בעקאַנטער און גיט איהם אָפּ אַ מזל טוב, ווייל ער האָט געווינען אויף די לאָטעריע אַ גרויסע סומע געלד, דער מלמד האָט גאָר נישט געענט-פערט גאָר ביי זיך געווינדערט. היתכן, ער שפּיעלט דאָך גאָר נישט אויף אַ לאָטערי-צעטעל און גייט ווייטער.

ווי ער קומט שוין אריין אין שטעטעל וואונשען איהם אַלע שטאָט-לייט דעם זעלבען מזל-טוב, אָבער ער ביי זיך פאַרשטייט דאָ גאָר נישט אויף וואָס פאַר אַ צעטעל האָט ער געוואונען, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכעס.

אינדעם קומט צו איהם צו אַ שליח מיוחד פון דאָרטיגען פּריץ, אַז ער פאַרבעט איהם אין פּאַלאַץ אריין. ווי ער קומט צום פּריץ זאָגט ער צום מלמד: — אַזוי ווי כ'האָב געהערט, אַז דו ביסט אַ ערליכער מענטש און יעצט זאָגט מען, אַז דו האָסט געווינען אַ גרויסע סומע געלד ביסטו דאָך אוודאי אַ איש בטוח, וואָס מ'קאָן דיר אָן טרויען; דעריבער אַזוי ווי איך האָב נישט קיין קינדער, אויף ווערען זיך צו פערלאָזען אַז ער זאָל פיהרען מיינע געשעפטען און איך מוז אַוועק פאָהרען אויף אַ לאַנגע צייט, דעריבער וויל איך דיר איבערגעבען מיינע אַלע גיטער און פעלדער און דו זאָלסט פערוואַלטען מיט אַלע מיינע געשעפטען, אַזוי ווי איך זעלבסט...

דער מלמד האָט באַלד מסכים געווען אין דער פּריץ האָט איהם אויך איבערגעענטפערט אַ גרויסע סאָמע געלד און איז אַוועקגעפאָרען.

אויפן וועג איז דער פּריץ געשטאָרבען, און אַזוי ווי קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט, איז דאָס אַלעס איבערגעבליבען ביים חסיד.

דאָ האָט ער געזעהן ווי דורך דעם רבי'נס הבטחה איז ער געהאָלפען געוואָרען. אַזוי זאָלען מיר אויך געהאָלפען ווערען מיט כל טוב אמן.

גאָך

# נאך א מעשה נפלאה מהרה"צ ר' אורי' זצ"ל.

צום הרב הקדוש מסטרעליסק זענען געפאָרען צוויי חסידים, וועלכע האָבען תמיד זיך געהאַלטען צוזאַמען. זייער שטייגער איז געווען, אַז ווען איינער האָט געוואָלט פאָרען צום רבין איז ער צוערשט געפאָרען צום חבר און ביידע זענען געקומען צוזאַמען צום רבין.

איינמאל איז איין חסיד פון זיי געקומען צום חבר, כדי פון דאָרט צו פאָרען צום רבין. גראד איז דער חבר נישט געווען אין דער היים האָט דאָס ווייב איהם אנגעגעבען אַ אָרט ביי איהר אין וואוינונג, כדי זיך אויפצוהאַלטען און וואַרטען ביז איהר מאַן וועט קומען.

אין מיטען דער נאַכט הערט דער חסיד דער אורח עפּיס אַ קול אַזוי ווי דער משרת וואָס איז דאָרט געווען, וואָלט געטוען עפּעס אַ עבירה אין דעם חסיד'ס ווייב'ס חדר. דאָס האָט דעם חסיד שוין נישט געלאָזט איינרוהען און אַזוי ווי ס'איז געוואָרען טאָג האָט ער פערלאָזט דאָס וואוינונג און איז געגאַנגען אין בית המדרש אַריין, ער איז געווען זעהר בעטריבט. היתכן זיין חבר'ס ווייב זאָל גאָר זיין אַ מרשעת? און ווי אַזוי דערציילט מען דאָס זיין חבר?

דערווייל איז דער צווייטער געקומען צו פאָרען פון וועג האָט איהם זיין ווייב דערציילט, אַז דאָ האָט געגעבעטיגט זיין חבר און באַלד אין דערפריה איז ער אַוועק געגאַנגען, איז ער געגאַנגען איהם אויפזוכען און האָט איהם געטראָפען זיצען אין בית המדרש זעהר בעטריבט. איז דאָס איהם געווען זעהר אַ וואונדער און פאַרבעט איהם אַהיים אויף אַ מיטאָג זיי זאָלען עסען צוזאַמען ווי תמיד, אָבער דער חסיד דער אורח האָט נישט מעהר געוואָלט אַריינגיין אין זיין שטוב נאָר ער האָט פערלאַנגט פון צווייטען, אַז זיי זאָלען שוין ביידע פאָרען נאָך סטרעליסק. ווי זיי קומען אין מיטען וועג האָט זיך שוין דער אורח נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען און האָט זיין חבר דערציילט די גאַנצע מעשה. ווי ער הערט דאָס, ווערט ער זעהר דערשראָקען און ווייסט גאָר נישט וואָס צו קלערען אויף זיין ווייב, ווע־ לכעס ער קאָן זי פאַר אַ אשה כשירה.

ווי זיי זענען אָנגעקומען צום רבין דערציילען זיי איהם די גאַנצע מעשה. ענטפערט זיי דער רבי: פאָרט צוריק אַהיים און דערציילט קיינעם נישט פון דעם און איך וועל דאָרט זיין אין אַ פאָר טעג צרום וועט שוין

אַלעס

אַלעס רעכט ווערען. זיי פאָהרען אַהיים און ס'גייט פאַרביי אַ פּאָר טעג פלוצלונג קומט אָן דער רבי אריין אין שטעטעל צו פאָרען. ווי געוועגליך זענען כמעט די גאַנצע שטאָטלייט געקומען דעם רבי'ן מקבל פּנים זיין. צווישען די אַלע איז אויך געווען דער זעלבער משרת און אויך די צוויי חסידים, ווי דער רבי דערזעהט דעם משרת האָט ער זיך אויפ־געשטעלט און אויף איהם אַ געשריי געטוען מיט אַ שטאַרק קול: רשע, עזות פּנים, זיי זיך מודה וואָס דו האָסט געטוען אין די דאָזיגע נאַכט? דער משרת איז זעהר דערשראָקען געוואָרען און מחמת גרויס פחד איז ער געפאַלען חלשות ביז מען האָט איהם קוים דערמינטערט. ווי ער איז צוריק אויפגעקומען האָט ער שטאַרק אָנגעהויבען וויינען און האָט געזאָגט צום רבי'ן — רבי, פאַרוואָר איך האָב דאָך דאָמאָלט גאָר נישט געטוען. פרעגט איהם דער רבי, וואָס דען האָסטו געוואָלט טוען? האָט דער משרת געענטפערט, אמת, איך האָב געוואָלט טוען אַן עבירה, ווייל אַזוי ווי איך האָב געוויסט, אַז די בעל־הבית'טע האָט ליגען צוקאָפּענס אונ־טערען קישען אַ גרויסע סאַמע געלד, האָט מיך דער יצר הרע אָן געריידט אַז כ'זאָל דאָס געלד צו גנב'נען. אָבער אַזוי ווי איך בין צו געקומען צום קישען איז מיך בעפאַלען אַ גרויסע שרעק און איך בין צוריק גע־גאַנגען שלאָפען.

ווי די צוויי חסידים האָבען דאָס דערהערט זענען זיי ערשט געוואָרען פריילעך און געדאַנקט דעם רבי'ן, וואָס דורך איהם זענען זיי אַרויס פון דעם שווערען חשד.

# נאך א מעשה פון הרב הקדוש והטהור הר' אורי' מסטרעליסק זצ"ל.

(הנקרא דער שרף)

איינמאל איז געקומען צו איהם איינער מיט א בקשה אזוי ווי איהם איז זעהר שלעכט אין פרנסה, לכן וויל ער אז דער רבי זאל איהם א עצה געבען ווי אזוי זיך אויס צו בעסערען די לאגע, האט דער רבי איהם געהייסען קויפען א לאטעריע צעטעל און איהם געבענשט אז דער נומער זאל געווינען דאס גרויסע געווינס, כך הוי אזוי האט דער מענש געטוען ער האט געקויפט אגאנצען לאס חאדזיק ער איז נישט אומשטאנד געווען אויס צו געבען אזוי פיל געלד צו דאך ווייל ער האט געגלייבט און רבינ'ס ברכה איז ער געווען ביי זיך זיכער אז ער וועט זיכער געווינען אויף דעם נומער. אזוי האט ער געהאלטען דעם צעטעל ביי אלע קלאסען. ווי סאיז שוין געקומען די לעצטע פאהר טעג פון די לאטעריע און ער זעט נאך אלץ נישט קיין געווינס און געלד האט ער זעהר געדארפט האבען האט ער זיך מישב געווען אז אויב ער וועט נאך האלטען דעם צעטעל די פאהר לעצט-געצעלטע טעג, טאמער געווינט עס נישט וועט ער דאך שאדען האבען דאס גאנצע געלד דערובער איז געגאנגען זיכען א קונה דערויף. ער האט אזוי לאנג געזיכט ביז ער האט געטראפען א ערל וואס האט פאר א קלענערע סומע געלד דאס אפגעקויפט. צו מארגענס נאכ'ן פערקויף איז ארויס אויף דעם זעלבען נומער דו גרויסע געוואונס, פארשטיין מיר שוין דעם יוד'ס עגמת נפש דרובער איז ער געלאפען צום רבין און דערציילט דאס איהם, האט דער רבי אויך געהאט צער דערפון, וואס פון זיין ברכה איז דער יוד נישט געהאלפען געווארען נאהר א ערל. און א צייט ארום איז דער רבי צוזאמען געקומען מיט נאך א רבין האט הרבי ר' אורי' ז"ל זיך אויס גערעט פארן צווייטען רבין זיין צער, האט איהם דער צווייטער געענטפערט אזוי: אמת די ברכה פון א צדיק ווערט מקוים אבער דא איז נאהר געווען איין חסרון וואס די ברכה איז געזאגט געווארען מיט א עצה צו נעמען א צעטעל! ווייל דעם רבש"ע דארף מען קיין עצה נישט געבען ווי אזוי די הילף זאל זיין צו דארך א צעטעל צו דארך אנ'אנדערע סיבה ווייל דעם רבש"ע דארף מען נישט לערנען ווי אזוי זיין הילף זאל זיין.

# נאָך אַ מעשה נורא פון הרב הצדיק ר׳ אורי׳ פון סטרעליסק זצ״ל.

איינמאל איז דער רבי מיט עטליכע חסידים אדורך געפארען אַ וואַלד ווי זיי קומען אין מיטן וואַלד. פלוצלינג שטעלען זיך אפ די פערד און ווילען בשום אופן נישט גיין ווייטער.

אין דעם דערזעט דער בעל-עגלה ווי עס דערנענטערט זיך אַ גרויסער בער און וויל ארויף שפרינגען אויף די פערד. האט דער בעל-עגלה אָנגעהויבען שטאַרק צו שרייען, דאָ האט דער רבי געזאָגט צום בעל עגלה שרייע נישט און דער רבי איז תיכף אראָפ געגאנגען פון וואָגען און איז צו געגאַנגען נענטער צום בער, אַזוי אז דער בער זאָל קוקען אין רבינס פנים. ווי דער בער האָט דער זעהן דעם רבין איז ער תיכף אַנטלאָפען, דאַמאָלס האָט דער רבי געזאָגט צו זיינע חסידים: עטץ זאלט נישט מיינען אז דאָס איז אַ מופת נאָהר עס שטייט אַזוי אין די הייליגע תורה (ומוראכם וחיתכם יהי׳ על כל חיות השדה) ד. ה. ג-ט ב״ה האט דעם מענש בעשאַנקען דער מיט אז ענקער מורא וועט זיין אויף אלע חיות פון פעלד אז אלע חיות רעות מוזען פאַר ענק מורא האָבען, נאָהר דער מענש וואָס זינדיגט איז ער מקלקל זיין צורה, דאַכט זיך די חיה ווען זי דערזעט אַזאַ מענש-אז דאָס איז אויך עפעס אַ מין חיה דרובער קאָן זי דעם דאַזיגען שלעכן טוען אָבער דער מענש וואָס זינדיגט נישט. בלייבט זיין צורה—דער צלם-אלקים—גאַנץ און פאַר דעם צלם-אלקים מוזען אַלע חיות אנטלויפען אזוי ווי די ציווי איז געווען פון ג—ט ב״ה.

פון די מעשה איז ארויס צו לערנען אַ מוסר-השכל אז דער מענש מוז זעהן אפ צו היטען זיך פון עבירות כדי זיין צורה —דער צלם-אלקים—זאָל נישט פערדאָרבען ווערען אַזוי ווי די הייליגע ספרים שרייבען אַז פון יעדע עבירה ווערט אַ מאוסען רושם אויף׳ן פנים און צדיקים דערקענען טאַקע באַלד לויט׳ן מענש׳ס פנים אויב ער איז אַ בעל עבירה ח״ו. ובפרט נאָך די דאַזיגע וואָס נעמען זיך אראָפ די באָרד דורך אַ בריטווע און דאדורך זענען זיי עובר אויף פינף לאַווין פון דער תורה. ביי די דאַזיגע ווערט אַ וודאי אפ געטוען דער צלם-אלקים וואָס דער דארך האָבען אַלע חיות רעות און שלעכטע מענשען-חיות, אַ שליטה איבער זיי בייז צו טוען, השי״ת זאָל אונז מציל זיין פון די דאַזיגע חיות רעות אָמן.

# א מעשה נוראה

# פון הרב הצדיק הקדוש הר' פנחס זצ"ל מפילץ ואח"כ בעיר טשענסטאכאוו

**ווי אזוי ער האָט זיך אויסגעשמוסט מיט אַ רוח-רעה רח"ל.**

ביים פילצער רבין זצ"ל איז נתגדל געוואָרען זיינס א שוועסטערס א מיידל, וועלכע ער האט זי ערצויגען ווי זיינע קינדער.

איינמאָל איז פלוצלינג אין איהר אריין א רוח ר"ל האט הרה"צ מפילץ גערעט מיט דעם רוח פערשידענע דיבורים און צווישען די רייד האט ער דעם רוח געפרעגט ווי ער הייסט, האט דער רוח איהם געזאגט זיין נאמען און האט איהם דערציילט כהאי לישנא: איך ביים לעבען האב זיך געפירט, אז כ'בין געגאנגען אָן געטוהן ווי א רב מיט א ספאדיק און פיאות און דערפאר האב איך געהאט צוטריט צו רבנים און תלמידי חכמים, אזוי ארום האב איך געוויסט זייערע אלע מעשים און סודות, און נאכהער האב איך גמסר'ת און אויסגעגעבען פאַר די מאכט מיט פיל מלשינות און ליגענד דערביי דעריבער איז מיין עונש אז איך האב זיך ביז יעצט ארום געשלעפט מיט זייער גרויסע יסורים. נאר ווייל א מאהל האב איך אויך געטוען אדבר טוב האט מען מיר ערלויבט, אז כ'זאל קאנען אריין גיין אין אַ מענש, איז מיר אַ ביסעל לייכטער, נאָך האָט ער דערציילט דעם פילצער רבי זצ"ל, אַז ווען דער פעטער פון פילצער רבין (דער חדושי הרים זצ"ל) האָט נאָך געלעבט בין איך אַמאָהל געוועזען ביי איהם נאָך אַ תיקון. אָבער ליידער האָב איך פערשפעטיגט און די מעשה איז אַזוי געוועזען: דער חדושי הרי"ם האָט געהאַט אַ עקסטרע אויסגעזעצטע צייט, וואָס דאַמאָלט האָט ער מתקן געוועזען די אַלע נשמות וואָס זענען געקומען צו איהם נאָך אַ תיקון, דאָס איז געוועזען אַלע פרייטיג פאַר ליכטצינדען.

אין דעם לעצטען פרייטיג פאַר זיין פטירה וואָס איז געוועזען אין שבת האָב איך דעמאלט גראַדע געקריגען אַ רשות צו גיין נאָך א תיקון צו איהם און ווי איך און נאך זעהר פיל נשמות האבען מיר זיך פערזאַמלט פאַרן רבין און ווי סאיז אָן געקומען צו מיר די רייע האט מען פונקט שוין אָן געצינדען די ליכט אויף שבת האט דער רבי מיך שוין נישט געוואלט אָן נעמען אַזוי איז מיין ביטער גורל צוריק געוועזען ווי פריהער — ווייטער צו ליידען יסורים אָן אַ שיעור רח"ל ביז כבין יעצט אַריין אין דעם מיידל.

**אזוי האָט זיך דער רוח אויפגעהאַלטען אינם מיידל אַ לאַנגע צייט.**

**פלוצלינג**

פלוצלינג דערזעהט מען, אז דעם מיידל ווערט אינגאַנצען בעסער, אַז דער רוח האָט זי אינגאַנצען אָפּגעלאָזט, אָבער אין צוויי טעג אַרום איז ער ווידער אין איהר אַריין. האט דער פילצער רבי געפרעגט דעם רוח די סיבה פון זיין פלוצלינגען אוועקגיין און זיין צוריקקומען, האָט דער רוח גיענטפערט, אזוי ווי פאר צוויי טעג איז געווען די יאָהר-צייט פון דעם חדושי הרים און אין יעדעס יאָהר אינם טאָג פון זיין יאָהר-צייט גייען פיהל נשמות אויף זיין קבר און ווערען געהאָלפען, אַזוי בין איך מיט נאָך פיעל טויזענדער נשמות געווען אויפ'ן קבר אין גור און פיעל נשמות האָבען טאַקע געהאט א תיקון און א טייל נישט און איך בין ליידער פון די דאָזיגע וואָס מיר האָבען נישט געקריגען קיין תיקון.

צום סוף האָט איהם דער פילצער רבי זצ״ל מתקן געווען און אין ארויס פון דעם מיידל.

דער רבי ר' זישע ז״ל האָט געהאט א חסיד אַן איש פשוט, וועלכער פלעגט אים באַזארגן מיט אַלעם נויטיקן צום לעבן. מיט אַמאָל האָט דער איד געהערט, אַז דער רבי ר' זישע אַליין פאָרט צו א צווייטן רבין — זיין ברודער דער רבי ר' אלימלך ז״ל. טראַכט דער איד ביי זיך: אויב אַזוי, אויב דער צווייטער איז נאָך א גרע־סערער רבי, וועל איך בעסער פאָרן צו אים און אים געבן די מתנות. געטראַכט און געטאָן. ער האָט אויפגעהערט שטיצן דעם רבין ר' זושא און דאָס געלט געגעבן דעם רבין ר' אלימלך.. מיט אַמאָל האָט זיך די הצלחה אָפּגעטאָן פונם איד. מיט יעדן טאָג איז זיין פרנסה געוואָרן שוואַכער. איז ער געקומען צולויפן צום רבין ר' זישען מיט א טענה: — וואָס פאַר אַן עבירה האָב איך געטאָן אויב כהאָב בע־סער געוואָלט מיט מיין געלט מהנה זיין דעם רבין, וואָס איז אויך אייער רבי?

זאָגט צו אים דער רבי ר' זישע:

— הער אויס מיין קינד: אַז דו האָסט געשפּייזט זישען, הגם ער איז עס נישט ווערט געווען, האָט מען אויך אין הימל נישט גע־קוקט אויף דיינע מעשים און דיר געגעבן פרנסה בשפע, ווי באַלד אָבער דו האָסט באַשלאָסן צו געבן נאָר אַזעלכן, וואָס איז ווערט, טוט מען אין הימל אויך אַזוי...